STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 16234

# VILNE, MAYN VILNE

Abraham Karpinowitz

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

## אברהם קאַרפּינאָוויטש



# ווילנע, מײַן ווילנע

אברהם קאַרפּינאָוויטש

★

ווילנע, מײַן ווילנע

אברהם קאַרפּינאָוויטש



# ווילנע, מײַן ווילנע

אברהם קאַרפּינאָוויטש / ווילנע, מײַן ווילנע
שער־בלאַט / מ. ראָזענטאַליס
פארלאג י. ל. פרץ, תל־אביב
געדרוקט אין תל־אביב 1993

ABRAHAM KARPINOWITZ

# VILNO, MY VILNO

Frontispiece by M. ROSENTHALIS

יצא לאור בהוצאת י. ל. פרץ, תל־אביב

Published By I.L. Peretz Publishing House
Tel-Aviv

Printed in Israel 1993 נדפס בישראל
בדפוס אופסט "ראם"

עיצוב טיפוגראפי וסדר — ד.ץ. גרפיקס טלי 273 84 52 - 03

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון
פאַרבאַנד פון ווילנער ייִדן אין די
פאַראייניקטע שטאַטן "נוסח ווילנע".

קרן יהושע רבינוביץ לאמנויות-תל-אביב.

בצלאל און סאָניע קאַסטנער-פאָנד
א"נ פון מלך ראוויטש ביים י.ל. פרץ-פאַרלאַג

פאַר שרהלען

# ווילנע אָן ווילנע

# ווילנע אָן ווילנע

ווער עס געדענקט — אויף ראָג גיטקע־טויבעס זאַוווליק איז געשטאַנען אַ ייִד אין בלויע ברילן און זיך געבעטן — פירט מיר אַריבער אויף דער אַנדער זײַט...

מ׳האָט געגנוי ניט געוווּסט צי דער ייִד איז טאַקע בלינד און מע דאַרף אים העלפֿן אַריבערגיין די גאַס, צי בענקט ער פּשוט נאָך אַ וואַרעמער האַנט. געבעטן האָט ער מע זאָל אים אַריבערפירן אַנטקעגן איבער, אויף ראָג ייִדישע־גאַס, ווו דער פּלומפּעלע האָט געגעבן וואַסער פאַר אַלע אָרעמע הייפן אַרום. אַז קיינער איז ניט צוגעקומען אים העלפֿן, נאָך אַ פּאָר מאָל בעטעניש, איז ער אַליין אַריבער די גאַס, טאַפּנדיק דעם ברוק מיט זײַן שטעקן.

פֿאַר וואָס האָב איך זיך דערמאָנט דווקא אין אים, בעת איך בין נאָך לאַנגע יאָרן ווידער געשטאַנען אויפֿן זעלביקן ראָג? ס׳איז טאַקע גאָרנישט געבליבן דאָרטן, אָבער דעם ייִדנס בקשה האָט מיר געקלאַפּט אין די אויערן, ווען כ׳האָב זיך דאָ אָפּגעשטעלט.

גיטקע־טויבעס זאַוווליק האָט זיך געגרענעצט מיט דער סאַמע לעבעדיקסטער גאַס אין ווילנע, וואָס האָט געהייסן דײַטשע־גאַס, נאָך איידער די דײַטשע רוצחים זענען געקומען אין שטאָט אויסהרגענען די ייִדן. אָט די גאַס איז געווען מײַן מלוכה. אַלע כויכעס, וואָס האָבן געצויגן פּרנסה פון שלעפּן קונדן אין די טאַנדעט־קראָמען, זענען געווען מײַנע חברים, כאָטש איך בין ניט געווען פון דער בראַנזשע. איך האָב ניט געשלעפּט קיין קונדן. איך האָב געשלעפּט פון די קעשענעס. די גאַנצע גאַס האָט געוווּסט פון וואַנעט איך, איצקע דער האָז, עס מײַן ברויט. ווען ס׳איז געוואָרן אַ טומל און אַ גערודער פון איין ראָג גאַס צום אַנדערן, האָבן די כויכעס צו מיר אַ ברום געטאָן:

— איציק, מאַך פיס, ווער אַ האָז...

צוויי מאָל האָבן זיי מיך ניט געדאַרפט וואָרענען. איך בין שוין געלאָפן צו מײַן שטענדיקער באַהעלטעניש, הינטער דער גענדזליאַרניע אויף יאַטקעווער־גאַס. דערפאַר טאַקע האָב איך באַקומען דעם צונאָמען: דער האָז.

איך בין נאָך דעמאָלט געווען אַ ייִנגל, ערשט אַרויס דעם ערשטן מאָל פון דער תפיסה. כ׳האָב נאָך ניט געקענט די מלאכה, געראָקט ביידע הענט אין איין קעשענע. דאָס האָט זוסקע דער פּראָפעסאָר, וואָס האָט געהאַט אַ קנײַפּע אויף קאָנסקע־גאַס, מיר געגעבן די געהעריקע לעקציעס. ער האָט געהאַט אַ שול פאַר מאַרעוויכערס, קעשענע־גנבים. ער האָט אויפגענומען אַ ביסל יונגוואַרג, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויפן גאַס און זיי געלערנט דעם פאַך. אויף די לעקציעס פלעגט ער שרײַען:

— ניט מיט די הענט, בורילעס! מיט די פינגער, מיט די פינגער זאָלט איר אַרבעטן!

האָכמאַן דער שנײַדער האָט אים געגעבן אַ מתנה אַן אלטן מאַנעקען אויף איין פוס. האָט זוסל אָנגעטאָן דעם מאַנעקען אַ מאַרינאַרקע, צי אַ מאַנטל, און מיר האָבן זיך אויף דעם געלערנט. טאָמער האָט זיך דער מאַנעקען געגעבן אַ טרייסל בײַם צורירן זיך צום בגד, איז מען דורכגעפאַלן דעם עקזאַמען. דאָרטן בין איך געווען אַ סטודענט...

קיינער האָט זיך ניט דערוועגט אָפּצונאַרן אונדזער פּראָפעסאָר. פון יעדן געפינס וואָס מ׳האָט מצליח געווען אַרויסצוציִען פון אַ פרעמדער קעשענע, האָט מען אויסגעטיילט זײַן חלק, ווי מ׳האָט אָפּגערעדט. ער איז געווען פאַר אונדז, יתומים אָן אַ היים, ווי אַ טאַטע. טאָמער האָט אַ תלמיד ניט אַזוי מצליח געווען אין ברענגען אַ פאַרדינסטל, איז ער אויך ניט געבליבן הונגעריק.

דאָס אַלץ איז גוט זיך צו דערמאָנען. איצט בין איך אין

קאַנאַדע אַ גאַנצער צעלייגער. איך בין אין די האָטעל־ביזנעס. מיסטער דזשעק גראָסמאַן איז אַ נאָמען. איך האָב אַפילו וואָס צו זאָגן אין דער קהילה. מײַן יִחוס שטייט מיר בײַ — אַ ווילנער! אויך די יאָרן אין דער גרויסער וועלט האָבן מיך אויסגעשליפֿן.

ווען כ׳האָב דערציילט דאָרטן אין קאַנאַדע, פֿון וואַנעט איך שטאַם, האָט מיך צוגעטוליעט אַ ייִדישע משפּחה פֿון זייער אַ שיינעם גראַד. מ׳האָט מיך פֿאַרשׁדכנט מיט אַ מיידל טאָקע פֿון אָט דער משפּחה, ניט קיין גרויסע שיינהייט, מיט אַ שטיקל מום: איין פּלייצע אַ״ז בײַ איר אַ ביסל העכער. אַזוי איז זי געווען דווקא אַ געבילדעטע, שטענדיק מיט אַ בוך, אויך אין בעט. איר משפּחה האָט מיך געשטעלט אויף די פֿיס, אַרײַנגענומען אין די ביזנעס. לעבן איר האָב איך זיך אויסגעמענטשלט, פֿאַרוואָרפֿן זוסקע דעם פּראָפֿעסאָרס לער.

אָט שטיי איך איצט, אין יאָר נײַנצן נײַן און אַכציק, אויפֿן ראָג גיטקע־טויבעס זאַווולִיק, און דערמאָן זיך אין זאַכן פֿון די דרײַסיקער יאָרן. אַ ביטערע צײַט געווען דעמאָלט. מ׳איז געלאָפֿן קיין רוסלאַנד זיך ראַטעווען, קומען צו אַ ברעג, אַרבעטן, לערנען אַ פֿאַך. דעם סוף דערפֿון ווייסן מיר...

איך האָב אויך געוואָלט לויפֿן קיין רוסלאַנד. מיר איז מיאוס געוואָרן די פּרנסה, מיט פּאָליציי און תּפֿיסות. אַ יתום בין איך געווען, וואָס האָט מיך געבונדן? געבונדן האָט מיך די שטאָט! איך בין געשוווּמען אין ווילנע ווי אַ פֿיש אין דער ווילִיע. פֿון סאָפּיאַניקעס, ווו ס׳זענען געשטאַנען אַלע הײַזלעך אָנגעפּאַקט מיט שיקסעס און אויך עטלעכע ייִדישע מיידלעך, ביז אַרויף נאָוועגאָראָד, האַרט בײַ דער ווינע, ווו מ׳האָט געשאָכטן בהמות פֿאַר יאַטקעס, בין איך געווען אין דער היים. אַרויף נאָוועגאָראָד האָבן געוווינט אייגענע מענטשן, וואָס האָבן זיך ניט אָפּגעהאַלטן פֿון ברעכן שלעסער. זיי זענען תּמיד גרייט געווען צו העלפֿן אַ געליטענעם, אים ברענגען אַ גוטן ביסן אין תּפֿיסה. איינער פֿון אָט

דעם שבת האָט מיר געראַטעוועט דאָס לעבן, כאָטש ניט־ווילנדיק. אַ דאַנק אים בין איך ניט געווען אין ווילנע, ווען די דײַטשן האָבן געפירט די ייִדן אויף פּאָנאַר, זיי דאָרטן אומצוברענגען.

אַ גאַנצע מעשה. גרישקע קראַסאַווטשיק, אַזוי האָט ער געהייסן, איז געווען אַ פּאַרשוין. ער פלעגט פאַרשלעפּערן פּאַסאַזשירן אין באַן מיטן רויך פון אַ ספּעציעלן פּאַפּיראָס. ר׳איז געווען זייער אַ געראָטענער, געקענט שפּראַכן. האָט גרישקע קראַסאַווטשיק געזוכט אַ שותּף צום געשעפט, וואָס זאָל העלפן שלעפּן די וואַליזקעס פון אײַנגעשלאָפענעם קרבן. ער פלעגט פאָרן מיט מאַטקע דעם קייזערלס אַ פלימעניק, האָבן זיי זיך צעקריגט, ניט געקאָנט זיך צעטיילן מיט דער ירושה. האָט ער געזוכט אַן אַנדערן באַגלייטער אויף זײַנע רײַזעס.

געוואָלט האָט ער נעמען לייקע די שוואַרצעס ממזר, אָבער לייקע האָט געמאַכט אַ גוואַלד, אַז ער גייט פאַרפירן איר קינד. כאָטש זי איז אַ געוועזענע גאַסן־מיידל, וועט איר עלינקע ניט גיין אויף לינקער אַרבעט. אין ווילנע האָט מען נאָך געדענקט, ווי ספּאָקויני דער מוהל האָט ניט געוואָלט מאַכן עלינקעס ברית, ווײַל מ׳האָט ניט געוווּסט דעם טאַטנס נאָמען. לייקע האָט זיך דעמאָלט געהאַט אײַנגעשפּאַרט, אַז דער טאַטע איז אליהו הנביא, ווײַל ער איז אַוועק און זיך מער ניט געוויזן. ווען עלינקע האָט שפּעטער געלערנט אין ראַמײַלעס ישיבה, פלעגט זײַן מאַמע זיך ניט דערוועגן צוצוגיין אַהין...

גרישקע קראַסאַווטשיק האָט זיך געקוואַפּעט אויף עלינקען, מחמת זײַן אָרנטלעכקייט. מיט דעם קייזערלס פלימעניק פלעגט קומען צו אַ וויכּוח בײַם צעטיילן די סחורה. נאָר אַזוי ווי לייקע די שוואַרצע האָט געציטערט איבער איר קינד, געוואָלט ער זאָל עסן אָרנטלעך ברויט, האָבן וויכטיקע לײַט, ווי זעליק בעל־טובה און מלך דער חכם געהייסן גרישקען זוכן אַן אַנדערן.

האָט גרישקע אַזוי לאַנג געזוכט, ביז ער איז געפאַלן אויף מיר,

ווײַל אַז מע טוט מיר אָן אַ נײַעם אָנצוג, קאָן מען מיינען אַז איך בין עפּעס. אַזוי האָט ער געזאָגט. ער האָט מיך גענומען צו צאַלקע נאָז אין טאַנדעט, מיר געקויפט אַ צוויי־באָרטיקן קאָסטיום און איך האָב אָנגעהויבן פאָרן מיט אים אויף די באַנען.

איך האָב באַגלייט גרישקע קראַסאַווטשיקן אויף זײַנע רײַזעס, ביז אַ פּאַסאַזשיר, אַ פּריצל מיט וואָנצעס, האָט ניט געוואָלט אַנטשלאָפן ווערן, נאָר בלויז געדרעמלט מיט איין אויג אָפן, און ווען איך האָב אַ נעם געטאָן זײַן וואַליזקע, אַראָפּצוגיין מיט איר אויף דער נאָענטסטער סטאַנציע, הינטער קראָקע, האָט יענער געמאַכט אַ גוואַלד. איך האָב אָפּגעלאָזט די וואַליזקע, געעפנט די טיר פון וואַגאָן און אַרויפגעקראָכן אויפן דאַך. אַזוי בין איך פאַרפאָרן ביז איבער דער טשעכישער גרענעץ, ביז קאָשיצע. ס׳איז געווען אַן אינטערנאַציאָנאַלער באַן.

מע קאָן אָנשרײַבן אַ ראָמאַן וועגן אַלע תּפיסות און לעבער ווו איך האָב זיך אויסגעוואַלגערט ביז איך בין געקומען אין קאַנאַדע. און אַזוי האָב איך אויסגעמיטן די שחיטה, אַ דאַנק גרישקע קראַסאַווטשיק.

מ׳האָט מיר דערנאָך דערציילט, אַז מ׳האָט גרישקען געזען אין קלאָגע, אַ לאַגער אין עסטאָניע, ווו מ׳האָט פאַרברענט ווילנער ייִדן.

שטיי איך אויפן ראָג, ווו ס׳איז געווען גיטקע־טויבעס זאַווולִיק און איך וואַרט. אפשר וועט עמעץ צולויפן צו מיר און אויסשרײַען:

— איצקע, איצקע דער האָז! זע נאָר...

ניט געבליבן אין ווילנע אַפילו איינער, וואָס זאָל מיך געדענקען. אויב אַ פאַרבײַגייער וואַרפט שוין יאָ אויף מיר אַ בליק, איז עס צוליב מײַן פאָטאָ־אַפּאַראַט. כ׳האָב צוגעזאָגט צו ברענגען פאָטאָגראַפיעס פון ווילנע. איך בין שוין געווען אויף סאָפיאַניקעס און געזוכט דאָרטן די לעצטע שטוב, האַרט פאַרן אַלטן פישמאַרק,

ווו טאַמאַרע די הויכע האָט אַ מאָל געוואָלט אויפהענגען אַ שילד: פאָלקסשול פאַר ליבע!

סיאָמקע קאַהאַן, דער רעפּאָרטער פון ווילנער טאָג האָט עס איר געגעבן דעם פּלאַן. פריִער האָט ער געוואָלט אָרגאַניזירן אין שטאָט אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון גאַסן־מיידלעך, מיט אַ באַזונדערער ייִדישער סעקציע. האָבן די בעלי־בתים פון די פּריילעכע הײַזלעך אויף סאָפּיאַניקעס זיך אַנטקעגנגעשטעלט. זיי האָבן מורא געהאַט אַז די מיידלעך וועלן אַרויפקריכן אויפן קאָפּ, פאָדערן פאַר איבערשעהען. האָט סיאָמקע פאַרטראַכט אַן אַנדער פּלאַן: טאַמאַרע און לייקע די שוואַרצע זאָלן לערנען ייִדישע קינדער די קונסט פון ליבע. וועלן זיי, די לערערקעס, האָבן פּרנסה, און די קומענדיקע חתנים וועלן וויסן ווי און וואָס. אויך פאַר דער ייִדישער ווילנע וועט עס זײַן אַ כּבוד: די ערשטע שול פון דעם סאָרט — אַזוי האָט סיאָמקע געשריבן אין צײַטונג. טאַמאַרע די הויכע האָט זיך גענומען ערנסט צו דעם געשעפט, אַפילו שוין באַשטעלט אַ שילד בײַ קאַרפּלען דעם זנאַקן־מאָלער. אָבער צום אויפהענגען דעם שילד איז עס ניט געקומען. דער גאַנצער עסק האָט זיך צעטרענט.

איך האָב געזוכט יענע שטוב און ניט געפונען אַפילו אַ ציגל פון איר. גאַנץ סאָפּיאַניקעס איז אָפּגעקאָסעט ווי גראָז אויף אַ לאָנקע. ניטאָ קיין שפּור. בלויז די ווילענקע, דאָס טײַכל וואָס האָט געשווענקט די הינטערשטע ווענט פון די הײַזלעך, זשורטשעט נאָך, אומעטיקער ווי אַ מאָל, אויפן וועג צו דער וויליִע.

אויף דער גאַס ווו שמעון דער איזוואָשטשיק פלעגט פונאַנדעריאָגן זײַן דראָזשקע, אַזש די ברוקשטיינער האָבן געציטערט, זיצן אַצינד מאַמעס מיט קליינע קינדער, וואָס שפּילן זיך אין זאַמד. זיי זיצן אויף בענק וואָס מ'האָט אויסגעשטעלט אויף דער טויטער ערד. אַ מאָל זענען מאַמעס געזעסן מיט די

קינדער אין בערנאַרדינער גאָרטן און געוואָרפן ברעקלעך ברויט פֿאַר די פֿאָר שוואַנען דאָרטן. אָבער אויף מײַן גאַס?...

אויף מײַן גאַס האָט זיך געטומלט ווי אין אַ מוראַשניק. אין איטלעכן מויער זענען געווען אַ צען קראָמען מיט אַלע גוטסקײַטן: צאַלקע נאָז און כאַנאָוויטש מיט זייערע געשעפֿטן פֿון פֿאַרטיקע קליידער; שרה קלאַק מיט אירע שנמדערשע צודאַטן; פּרומקינס אַפּטייק; בענדעלס פֿאַבריקמאַבערסקע; טאַלייקינסקי פֿון די וווּרשט; פּראָבעס בעקערײַ. וואָס ניט? פֿון דאָרטן האָט מען געקאָנט אַרויס אָנגעטאָן, אָפּגעגעסן, אָפּגעראַזירט און מיט אַ רפֿואה קעגן הוסט.

זיצן דאָרטן איצטער מאַמעס מיט קינדער, און אַלטע גויעס וואָס שטריקן יאַקעלעך. אַלץ אין מײַן גאַס. פֿון ביידע זײַטן איז פּוסט. ניטאָ ווו אַ גלאָז וואַסער אויסצוטרינקען.

און וואָס איז אויף ייִדישע־גאַס, אַנטקעגן איבער? גאָרניט, ווי אַזאַ גאַס וואָלט אויף דער וועלט ניט געווען. ניטאָ וועלפּקע אוסיאַנס רעסטאָראַן, ווו אַלע אַקטיאָרן פֿון ייִדישן טעאַטער פֿלעגן קומען עסן. איך האָב זיי אַלע געקענט. משה קאַרפּינאָוויטש מיטן בערדל, וואָס האָט געהאַט דעם טעאַטער אויף לודוויסאַרסקע־גאַס, פֿלעגט מיך אַרײַנלאָזן זען אַ פֿאָרשטעלונג. ר׳האָט מיר בלויז אָנגעזאָגט:

— איצקע, גיי אַרויף אויף דער גאַליאָרקע, אָבער די הענט זאָלסטו האַלטן בײַ זיך!

ניטאָ יאָשע פֿון די קוואַס. ניטאָ די קנײַפּע פֿון אָשרקע דעם הערינג. אַלע אויף ייִדישע־גאַס. בײַ אָשרקען האָט מען געגעסן הערינג פֿון אַלע מינים שוין פֿון אין דער פֿרי, און אויך געשפּילט ביליאַרד.

ס׳שטייט מיר פֿאַר די אויגן דער אַרײַנגאַנג צו וועלפּקעס רעסטאָראַן. אויף די טרעפּלעך איז אין אַ זוניקן טאָג געזעסן אַוורעמקע דער אַנאַרכיסט און פֿאַר אַלעמען געהאַט אַ וואָרט.

דער עיקר האָט ער ניט דורכגעלאָזן אַ מיידל, אַ ווײַבל. איך בין גראָד אַרויס פֿון אָשרקעס קנײַפּע און האָב אַלץ געזען. כ׳האָב געזען ווי דודקע דער פּעווץ איז אונטערגעקומען פֿון אַ זײַט און אַוורעמקען אַרײַנגעשטאָכן אַ מעסער אונטערן האַרץ. אַוורעמקע האָט נאָך באַוויזן זיך אויפֿצושטעלן, אַ כאַפּ טאָן דודקען פֿאַר דער האַנט און אויסרופֿן:

— דודקע, אויך דו?...

און ער איז אַוועקגעפֿאַלן אַ טויטער.

מײַן ווײַב האָט מיך אַ מאָל אַוועקגעפֿירט אין טעאַטער. מ׳האָט געשפּילט "יוליוס צעזאַר" פֿון שעקספּיר. אַ שווערע פּיעסע, ניט מע זינגט ניט מע טאַנצט. אין טעאַטער אויף לודוויסאַרסקע איז געווען פֿריילעכער.

אויף וויפֿל מײַן ענגליש האָט מיר געדינט, האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז ווען די סענאַטאָרן זענען באַפֿאַלן צעזאַרן פֿון אַלע זײַטן, ווי ריכטיקע אונטערוועלטניקעס, האָט יענער אויסגערופֿן די זעלביקע ווערטער צו זײַן פֿרײַנד, דעם סענאַטאָר ברוטוס, וואָס האָט אים פֿאַררוקט אַ מעסער גלײַך מיט אַלעמען.

צי האָט אַוורעמקע דער אַנאַרכיסט געוווּסט וואָס שעקספּיר האָט געשריבן, צי האָט ער געהאַט אַ נשמה פֿון אַ יוליוס צעזאַר, וואָס האָט אים אין דער לעצטער רגע אונטערגעזאָגט די זעלביקע ריד? בסך־הכּל האָט ער דאָך געהאַנדלט מיט אַלטע זאַכן אויפֿן דורכהויף. שונאים האָט ער געהאַט. ער האָט געהערשט איבער דעם גאַנצן בידנעם מיסחר, קיינעם ניט צוגעלאָזן. אָבער דווקא דודקען האָט ער יאָ געגעבן פֿאַרדינען, אים אונטערגערוקט פֿון צײַט צו צײַט אַ ביסל סחורה, אַ מציאה.

פֿון קלעמעניש איז דודקע אין תּפֿיסה אַראָפּ פֿון די רעלסן, אָנגעהויבן רעדן ניט צו דער זאַך. דאָס הרגענען אַוורעמקען האָט אים געגריזשעט. מ׳האָט געזען אַז ער איז אויס מענטש, האָט מען אים אַרויסגעלאָזט.

אויף ייִדישע־גאַס האָט ער זיך מער ניט געוויזן.

אויך גלעזער־גאַס איז ניטאָ. עפּעס איז יאָ געבליבן, אַ מויער דאָ, אַ מויער דאָרטן, נאָר ס׳איז ניט מער גלעזער־גאַס, ווו זעליק בעל־טובה האָט געהאַט זײַן בירעלע. דאָרטן פלעגן זיך צונויפקומען אַלע גוטע־ברידער, ווי מישקע נאַפּאָלעאָן, קלמן די װעװערקע. אַזאַ ווי איך בין געווען פאַר זיי צו קליין. פלעג איך זיצן בײַ אַ זײַטיקן טישל און באַשטעלן אַ פערטל מעטער קישקע. זעליק בעל־טובהס ווײַב איז געווען אַ מײַסטער אויף קישקע. זי איז בײַ איר תמיד אַרויס ברוין און גלאַנציק, ווי פרישע קאַשטאַנעס, ערשט אַראָפּגעפאַלענע פון בוים. ס׳איז צעגאַנגען אין מויל. זי האָט פאַרקויפט איר סחורה אויפן מעטער, ווי שרה קלאַק האָט פאַרקויפט גומי פאַר אונטערהויזן.

זעליקס מיידל, טײַבקע, האָט נאָר געוואָלט שפּילן פּיאַנע. פון וואַנעט האָט עס זיך צו איר גענומען? אויף ווילנע זאָל מען אַזאַ זאַך ניט פרעגן. דאָרטן האָבן אַלע געוואָלט בעסער און שענער...

זעליקס שטוב האָט געוווּסט פון געשמוכלטן טאַבאַק פון ליטע, אָבער ניט פון קיין פּיאַנע. איז טײַבקע אַוועק צו סווירסקין פון די פוטער, צו זײַן טאָכטער, וואָס איז געווען אַ לערערקע פון פּיאַנע, און איר געזאָגט אַז זי חלשט צו קאָנען אַ ביסל שפּילן, אָבער קיין געלט צו באַצאָלן פאַר די לעקציעס האָט זי ניט. וועט זי צאָלן מיט קישקע. ווען סווירסקיס טאָכטער האָט דערהערט קישקע, איז איר געגאַנגען די סלינע פון מויל און זי איז מסכים געווען:

— גוט, ברענג אונדז קישקע!

ס׳איז אַוועק אַ ווינטער מיט אַ זומער און טײַבקע האָט זיך אײַנגעאַרבעט אין שפּילן אויף דער פּיאַנע. כאַצע מיט די ציינער און איסרקע,ביידע ליציטאַציע־אויפקויפערס, האָבן פאַרהאַנדלט זעליקן אַן אַלטע פּיאַנע. אין אָוונט, ווען מ׳איז געגאַנגען דורך גלעזער־גאַס, האָט מען געהערט ווי טײַבקע שפּילט.

ניט נאָר טײַבקע. ייִנגלעך און מיידלעך זענען געגאַנגען זינגען

אין די כאָרן, שפּילן מאַנדאָלינע און טעאַטער. אַלע פּרײַטיק־צו־נאַכט איז אין רעאַל־גימנאַזיע געווען אַ פּאַרווײַלונג. מ׳האָט דאָרטן געטאַנצט און געלייענט לידער. ס׳פלעגן אויך קומען זײַטיקע און מאַכן אַ טומל, זיך וועלן אַרײַנרײַסן אין זאַל. האָבן די לערערס אָוועקגעשטעלט בײַם אַרײַנגאַנג חיימען דעם פּראָנט, ער זאָל האַלטן אָרדענונג. דערפאַר האָט ער געמעגט טאַנצן מיט וועלכן מיידל ר׳האָט געוואָלט. און מיידלעך אין רעאַל־גימנאַזיע זענען געווען איינע שענער פון דער אַנדערער. איך האָב זיי אַלעמען געקענט, פון דער ווײַטן. אין גימנאַזיע־הויף האָט מען געקאָנט אַרײַנגיין דורך קאָנסקער־גאַס, פונקט אַנטקעגן זוסקע דעם פּראָפעסאָרס קנײַפּע, וווּ ס׳איז געווען מײַן "פּאַכשול". האָט מיך געצויגן זען די בחורים מיט די מיידלעך, ווי זיי שפּאַצירן איבערן הויף בעת דער גרויסער הפסקה. האָב איך געוואָלט זיך אויסמישן מיט זיי.

אָט שטיי איך נאָך אַזוי פיל יאָרן אויפן ראָג גיטקע־טויבעס זאַווולק. איך דערקען ניט מײַן שטאָט. זי איז אַנטלאָפן פון מיר ביז איבער דער ווילִיע, צום סאָמע וואַלד, ממש ביז וואָלאָקומפּיע, וווּ מיר פלעגן אַ מאָל, אין אַ שבת, אַרויספּוויאָסלעווען מיט אַ שיפל, אַ געדונגענע בײַ יאַנען דעם לאָדאָטשניק, וואָס האָט געהאַט זײַנע שיפלעך אויף אַנטאָקאָל.

און מײַן גאַס, וואָס טאָג און נאַכט איז דאָרטן אָנגעגאַנגען אַ האַנדל מיט אַ טומל, מיט אַ גערודער, די גאַס, וווּ איך בין געווען דער סאָמע לעצטער, איז דאָך ביז הײַנט מיר פאַרשטאָכן אין האַרצן, ווי אַן איבערגעבראָכענע פּײַל, ניט אַרויסצושלעפּן.

די גאַס איז איצטער געוואָרן די שטומע אַלטשטאָט. שניפּעשאָק, ביז אַרויף צו די שישקינער בערג, די געגנט וואָס האָט אַ גאַנצע וואָך גערדרעמלט, דאָרטן איז געוואָרן די נײַשטאָט. אַפילו דער האָטעל וווּ איך וווין שטייט אויך אויף דער אַנדער זײַט ווילִיע, וווּ ס׳פלעגן אָנקומען די פליטן, און די וואַשאָווניקעס

פלעגן אַרויסצין די קלעצער פאַר די אַרומיקע האָלצטאַרטאַקן.

די שיקסע פון טוריסטן־ביוראָ האָט מיר פאָרגעלייגט צו ווײַזן די שטאָט. מיר וויל זי ווײַזן די שטאָט, ווו איך האָב געקאָנט דורכגיין פון איין עק צום אַנדערן מיט פאַרמאַכטע אויגן. איך האָב ניט געוווסט צי זאָל איך לאַכן, צי וויינען.

פאַרטאָג בין איך אַליין אַרויס פון האָטעל און זיך געלאָזט איבער דער ווילױע־בריק צו מײַן ווילנע, צו ייִדישע־גאַס, צו גלעזער־גאַס, צו יאַטקעווער און רודניצקער־גאַס, צו דער הײַנטיקער אַלטשטאָט.

איך האָב די שטאָט ניט דערקענט. נײַע בנינים, וואָס פּאַסן זיך גאָר ניט צו דעם אַרום. ווי עמעץ זאָל אָנטאָן אַ פראַק מיט לאַפּטשעס. זאַוווליקעס, דורכגאַנגהייפן, זענען פאַרשווונדן געוואָרן. ס'איז ניטאָ ווו זיך אַרײַנצודרייען, פאַרקריכן ערגעץ אין אַ פאַרבויגענעם ווינקל. די שטאָט איז גרויס געוואָרן, אָנגעבלאָזן ווי אַן אויפגעקומענער גביר. ס'איז ניטאָ ווו זיך צוצוטוליען, צו עפּעס אַ ווינקל, וואָס מע זאָל קאָנען זאָגן אויף אים: דאָס איז מײַנס!

מײַן ווײַב האָט מיר טאַקע געזאָגט: פאָר ניט, ווערסט דאָרטן גאָרנישט ניט געפינען, בלויז קלעמעניש. נאָר מיך האָט געצויגן צו זען נאָך אַ מאָל די שטאָט וואָס האָט מיך אויסגעהאָדעוועט. אירע גאַסן זענען געווען מײַן היים; אירע מענטשן — מײַן משפּחה. אַפילו ר׳ חיים גאָרדאָן, דער שטרענגער שמש פון דער גרויסער שול, אַפילו ער האָט געהאַט פאַר מיר אַ גוט וואָרט:

— איצקע, צײַט זאָלסט ווערן אַ לײַט...

אָט בין איך געוואָרן אַ לײַט. פאַר וועמען זאָל איך זיך באַרימען? הלוואַי וואָלטן די דײַטשן אויף דער וועלט ניט געווען, ווילנע זאָל בלײַבן ווילנע, און איך זאָל ניט ווערן קיין לײַט מיט צוויי האָטעלן אין קאַנאַדע.

דאָרטן ווו דער שמש ר׳ חיים גאָרדאָן האָט געוווינט, אויפן

שולהויף, האָט מען אויפגעשטעלט אַ קינדער־גאָרטן. ער אַליין איז אַוועק אויף פּאָנאַר, מיט אַלע אונדזערע ווילנער ייִדן.

מע וועט מסתמא אויף מיר פֿאַראיבל האָבן: זע נאָר וועמעס ווילנע ער זוכט: ווילנע פֿון זעליק בעל־טובה און טאָוושע דעם מלאך. זאָל מען פֿאַראיבל האָבן! דאָס איז מײַן ווילנע. זאָל יעדער ווילנער זוכן זײַן ווינקל, זײַן מויער. סײַ ווי וועט קיינער גאָרנישט ניט געפֿינען. ס׳איז קיין שום זאַך ניט געבליבן.

אָט שטיי איך דאָרטן ווו ס׳איז אַ מאָל געווען גיטקע־טויבעס זאַוווּליק און איך וויין. אַ מיידעלע מיט אַ רויטן שלייף אין די בלאָנדע צעפּלעך שטייט אַנטקעגן מיר און קוקט ווי איך לאָז פֿרײַ שטראָמען מײַנע טרערן. שטרעקט זי מיר אויס אַ דלאָניע מיט אַ קאָליריק צוקערל. איך וויל אַ שמייכל טאָן, אָבער כ׳קאָן ניט. מורמל איך:

— ס׳איז ווילנע אָן ווילנע...

די גרויסע ליבע
פון
לערער גערשטיין

# די גרויסע ליבע
# פון
# לערער גערשטיין

באַך דעם ווי סיאָמקע קאַגאַן האָט מיט אַ רעצענזיע אין דער צײַטונג "ווילנער טאָג" פּאַרטריבן די סוברעטקע רעגינע צוקער פון שטאָט, איז דאָס טעאַטער געבליבן שטיין מיט אַ פאַרמאַכטן פּאַרהאַנג. סיאָמקע איז געווען זייער אַ שטרענגער רעצענזענט. בײַ אים איז ניט געווען קיין ציאַך מאַך. טאָמער האָט אַ גאַסטראָליאָר אין ווילנע זיך דערוועגט זאָגן אַ האַדקן וואָרט אויף דער בינע, איז ער שוין געווען בײַ סיאָמקען אויפן שפּיץ פּעדער. און אַ פּעדער האָט ער געהאַט, דער ממזר, זייער אַ שאַרפע, ממש אַ שווערד.

איז ניט קיין וווּנדער, אַז אויך דינה האַלפּערין האָט נאָך אַ האָר געקאָנט האָבן בײַ סיאָמקען דעם זעלבן סוף ווי רעגינע צוקער.

דינה האַלפּערין און איר פּאַרטנער סעם בראָנעצקי זענען געקומען צו פאָרן קיין ווילנע ראַטעווען דעם סעזאָן. די טרופּע האָט זיך אָטכאַיעט. נאָך אַ ביסל און ס'וואָלט ניט געווען מיט וואָס צו מאַכן פּסח. וועלפּקע אוסיאַן, פון רעסטאָראַן אויף יידישע־גאַס, האָט אויך אָנגעהויבן בורטשען — ווי לאַנג איז דער שיעור צו זײַן אינטעליגענט און געבן עסן די אַקטיאָרן אויף באָרג?

פּסח־צײַט האָט דאָס טעאַטער אויפגעלעבט. די "לעבנס־פּיעסע" מיט געזאַנג און טענץ, וואָס דינה האַלפּערין מיט סעם בראָנעצקין האָבן געשטעלט, איז געווען אַ "שלאַגער". דער עולם האָט געקויפט בילעטן. דינה האָט געטאַנצט און געזונגען און סעם האָט געשפּילט דעם פּאַרפירער. בלויז סיאָמקע קאַגאַן האָט געקרימט

מיט דער נאָז, דער עיקר זענען אים ניט געפעלן געוואָרן אַ פּאָר שורות פון דינהס אַ קופּלעט. זי האָט געזונגען:

... ווען איך דערזע אַ געלן,
מײַן איך ס'טוט אים עפּעס פעלן,
איך וויל נישט קײַן געלן,
נאָר אַ שוואַרצן, ניין, ניין...

תחילת האָט סיאָמקע שוין געוואָלט אָנשרײַבן אַ רעצענזיע און אַראָפּרײַסן די פאָרשטעלונג. אין ווילנע, האָט ער געוואָלט שרײַבן, וועט מען ניט זינגען קיין צווייטײַטשיקע לידלעך, וואָס טרעפן אי אין גוטן געשמאק, אי אין יעדן געלן. ווײַל אויב פעלן, פאַרשטייט דאָך אַיעדער וועגן וואָס דאָ רעדט זיך...

פון דעסטוועגן האָט ער נאָך אַ מאָל געכאַפּט אַ קוק צו דער בינע ווי דינה האַלפּערין שפּילט מיט אַזוי פיל חן, טיילנדיק דערבײַ אַ ברעקל שמייכל יעדן צושויער אין דעם טונקעלן זאל, און באַשלאָסן, איידער ער גייט אין ״ווילנער טאָג״ אָפּגעבן די רעצענזיע, וועט ער רעדן מיט דער גאַסטראָליאָרשע וועגן ענדערן דעם טעקסט פון קופּלעט.

אויף מאָרגן האָט דינה האַלפּערין געזונגען:

...א געלער ווערט גיך נימאס
ער זעט אויס ווי אַ צימעס
איך וויל נישט קײַן געלן
נאָר אַ שוואַרצן, ניין, ניין...

דאָס האָט סיאָמקע קאַגאַן אליין געלינדערט דעם פערז. די פריִערדיקע רעצענזיע האָט ער צעריסן.

★

סיאָמקע איז געוואָרן אַן אײַנגייער הינטער די קוליסן. דינה האַלפּערין איז אים זייער געפעלן. אויסער איר שיין אלעבאַסטערן פּנים, ווו די שוואַרצע, מאַנדל־פאָרמיקע אויגן האָבן געוואָרפן אַ

פֿײַכטלעכן גלאַנץ, ווי דאָס וואַסער פֿון ווויליע־טײַך אין אַ זומערדיקן פֿאַרטאָג, איז זי נאָך געווען אַן אָנגעלייענטע, געהאַלטן אַ בוך אין האַנט.

אין ווילנע האָבן ניט געפֿעלט קיין שיינע מיידלעך. מען האָט געקאָנט מיט זיי פֿאַרוואַרפֿן נאָך אַ שטאָט. סיאָמקע, דער שלאַנקער יונג מיטן אָדלער־נאָז, האָט בלויז געדאַרפֿט אויסשטרעקן אַ האַנט, און שוין איז איינע פֿון זיי גרייט געווען אים צו באַגלייטן שפּעט אין אָוונט אויף די קרייץ־בערג. האָט ער אַלעמען איבערגעלאָזט און געזוכט נאָר זיך צו טרעפֿן מיט דינהן. בראָנעצקי איז דערפֿון ניט געווען שטאַרק גליקלעך. קומט אַ יאָלד פֿאַר יעדער פֿאָרשטעלונג דרייען אַ ספּאָדיק. אמת, סיאָמקע האָט טאַקע אָנגעשריבן זייער אַ פֿײַנע רעצענזיע. ער האָט בלויז אָנגעמערקט, אַז אַזאַ אקטריסע ווי דינה האַלפּערין איז ווערט אַ בעסערן רעפּערטואַר. אין דעם האָט בראָנעצקי געפֿילט אַ פּערזענלעכע אַבידע, ווײַל ער האָט געוווּסט בלויז זינגען קופּלעטן און טאַנצן טשעטשאָטקעס, ניט שפּילן דעם קעניג ליר. מענדקע, דער בינע־אַרבעטער, וואָס האָט פֿאַרשטאַנען אין טעאַטער מער ווי אַקטיאָרן, האָט געזאָגט בראָנעצקין ער זאָל ניט טשעפּען. זאָל ער, סיאָמקע, זיך דרייען צווישן די דעקאָראַציעס. מיט די פֿון די צײַטונגען דאַרף מען זיך ניט אָנהייבן...

★

סיאָמקע האָט מיטגענומען צו אַ פֿאָרשטעלונג זײַן פֿרײַנד, דעם לערער גערשטיין. דער לערער איז, בדרך כלל, געגאַנגען אין טעאַטער ווען דער "יונג־טעאַטער" פֿון וואַרשע האָט געשפּילט "שרײַ כינע". אָבער פֿאָרשטעלונגען ווי, למשל, "מיט אָפֿענע אויגן", אָדער "די מאָדעלקע", האָט ער דורכגעלאָזט. סיאָמקע האָט זייער געוואָלט באַקענען דעם לערער גערשטיין מיט דינהן. דערנאָך האָט מענדקע זיך געוויצלט, אַז סיאָמקע האָט געבראַכט אַ קאָטער ער זאָל זאָגן מבֿינות אויף אַ טעפּל סמעטענע... סיאָמקע איז

געווען אויף עטלעכע גוטע יאָר ייִנגער פון לערער, אָבער דאָס האָט אין גאַנצן ניט געשטערט די פרײַנדשאַפט. סיאָמקע האָט אויסגעזען קעגן לערער גערשטיין ווי אַ האָן קעגן אַ פּאַזאַן. האָט טאַקע דינה האַלפּערין איבערגעוואָרפן איר בליק אויפן לערער גערשטיין און אין גאַנצן פאַרגעסן, אַז לעבן אים שטייט סיאָמקע, איר פאַרערער. דינה האָט גראָד געהאַט אַ גוטן געשמאַק. ווי סיאָמקע קאַגאַן איז געווען אַ שטאַלטנער בחור, האָט דער לערער גערשטיין מיט זײַן גאַנצער פּאָסטאַווע, מיט די שליאַכטשיץ־וואָנצעס און דער געדיכטער טשופּרינע, גרויליער בײַ די שלייפן, פאַרשטעלט סיאָמקען. אין איין רגע האָט זיך סיאָמקע דערפילט אַן איבעריקער. ס'האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן די גאַנצע מעשה מיט שלעפּן דעם לערער צו דינהן. אָבער קיין צוריק איז ניט געווען. דינה האָט פאַרפירט אַ שמועס מיטן לערער און פאַרגעסן וועגן סיאָמקעס קיום. אויך דער לערער גערשטיין איז געוואָרן צוגעזאָטן צו דער אַקטריסע, און ווען באָמבע, דער געהילף־רעזשיסער, הייבט ניט אָן שרײַען, אַז מען גייט עפענען דעם פאָרהאַנג, וואָלטן ביידע נאָך גערעדט. לסוף האָט מען באַשלאָסן צו גיין נאָך דער פאָרשטעלונג אָפּמערקן די באַקאַנטשאַפט מיט טיי און אַ סקאָוואָראָדע לאַטקעס אין וועלפּקע אוסיאַנס רעסטאָראַן.

★

סיאָמקע האָט ניט געטאָן קיין גרויסע טובה דעם לערער גערשטיין מיטן ברענגען אים צו דינה האַלפּערין. פונעם ערשטן האַנט־דרוק איז דער לערער גערשטיין געוואָרן צוגעזאָטן צו דער אַקטריסע. און ניט קיין ווונדער. איר שמייכל, דאָס פערלדיקע ייִדיש־לשון מיטן וואַרשעווער אָפּנייג, איר גאַנצער אויפטריט האָט צעטומלט דעם לערערס אַלט־בחורישן געמיט. דערנאָך, ווען זי איז געוואָרן אַן אַרײַנגייערין אין דער רעאַל־גימנאַזיע, ווו גערשטיין האָט געגעבן לעקציעס און אָנגעפירט מיט דעם

שילער־באָר, האָט דער לערער שער, פון צייכענען, פעסטגעשטעלט, אַז דינה האַלפּערין האָט ניט אויף זיך קיין איבעריק ברעקל פלייש. אַלץ בײַ איר איז פּאַררונדיקט מיט אַ סימעטריע און זי באַרעכטיקט אירע פאָרמען ווי אַ רײַפע פּרוי, וואָס האָט זיך ניט לאַנג אויסגעפּיקט פון איר מיידלשאַפט...

סיאָמקע האָט געזען אַז ס׳איז ניט פאַראַן קיין מינדסטע שפּאַרונג פאַר אים צווישן דינה האַלפּערין און דעם לערער גערשטיין, האָט ער געגומען זײַן רוק־זאַק און אוועקגעשפּאַנט קיין טראָק, ווּ עס איז אײַנגעשטאַנען, האַרט לעבן דער אָזיערע, דער ציגײַנערישער טאַבאָר. דאָרטן איז סיאָמקע געוואָרן אַן אייגענער, ווײַל ער האָט געקאָנט ציגײַנעריש און געטרונקען מיט דעם ציגײַנער־קעניג קוויעק אַליין. אויך מיט קוויעקס טאָכטער איז סיאָמקע געוואָרן אַ גאַנצער מחותּן. זי האָט עס טאָקע אין די נעכט אים אויסגעלערנט שעפּטשען איר לשון.

איז דער לערער גערשטיין געבליבן מיט דינה האַלפּערין האַנט אויף האַנט און ער האָט לגמרי ניט באַדויערט דעם חבר׳ס אַוועקגיין. ס׳איז בלויז געוואָרן איין צרה — זיי האָבן ניט געהאַט קיין באַזונדערן ווינקל. דער לערער האָט געוווינט אויף ליטעראַצקע־געסל צוזאַמען מיט אַ שוועסטער, אַן עלטערע מיידל, וואָס האָט אַזוי ווי דער ברודער אויפגעגעבן זיך בינדן מיט ווּעמען. זי האָט געפירט זײַן באַשיידענע כּוואַבע, און דער לערער האָט גאָר אַנדערש ניט פאַרשטאַנען. אויסער דעם האָט סעם בראָנעצקי זיי געהיט די טריט. יעדן מאָל האָבן זיך אָנגעהויבן די זעלבע פראַגן — ווּ ביסטו געווען? וואָס האָסטו זיך צו דרייען איבער דער שטאָט? וואָס האָסטו צו גיין אין דער רעאַל־גימנאַזיע? — ווילסט ווערן אַ לערערקע? אַן אַקטריסע איז דיר ווײניק?

דינהן האָט געצויגן צום לערער גערשטיין ווי אַ מאַגנעט. מען רעדט שוין ניט וועגן זײַן מאַנסבילקײַט, דעם סאָלידן גאַנג מיטן שטעקן אין האַנט, זײַן צאַרטער באַריר, נאָר זײַן שמועסן מיט איר

וועגן זאַכן, וועלכע האָבן ניט קיין שײַכות צו פּרעמיערעס, צו גוטע טעאַטער־קאַסעס, צו פּלענער וועגן אַ נײַער מוזיקאַלישער קאָמעדיע, נאָר פירן דיך אַוועק אין אויסגעחלומטע וועלטן, ווו לידער און קינדער האָבן דאָרטן די אויבערהאַנט.

איז געבליבן, אַז דער לערער גערשטיין מיט דינה האַלפּערין זענען געוועזן אויף די אויגן פון גאַנץ ווילנע. אַפילו די שילער פון גימנאַזיע האָבן נאָכגעקוקט ווי דינה האַלפּערין שפּאַצירט בעת דער גרויסער הפסקה איבער דעם גימנאַזיע־הויף פּאָדרוטשקע מיט דעם לערער גערשטיין, אָנגעשפּאַרט אויף זײַן אָרעם, און מען שמועסט פּאַר פּײַער און פּאַר וואַסער. האָבן זיי, גערשטיינס שילערס, פאַרשטאַנען, אַז זייער דערציִער איז גוט פאַרקאָכט אין דער אַקטריסע. דער לערער וועט סתּם אַזוי ניט גיין מיט אַ פרוי. אָט איז ער טאַקע געבליבן אַן אַלטער בחור, ווײַל ער האָט צו פיל געקליבן.

★

דער לערער גערשטיין און דינה האַלפּערין גייען ביידע דורך דײַטשע־גאַס צו וועלפּקעס רעסטאָראַן. די גאַנצע טרופּע האָט זיך אָפּגערעדט עסן דאָרטן צוזאַמען.

גערשטיין האָט, דעם אמת געזאָגט, געוואָלט גיין אַהיים, אָבער דינה האָט אים אײַנגערעדט און ער האָט זיך ניט געקאָנט געגנשטעלן. גייען זיי ווי דורך אַ שפּאַליער פון אַלע בויכעס, די וואָס רופן קונדן אין די טאַנדעט־קראָמען. אויף ביידע זײַטן גאַס האָבן זיי, די לצים, זיך אויסגעשטעלט און ווינקען זיך איבער. אויך שרה קלאָק, פון די שנײַדערשע צודאַטן, האָט פאַרלאָזן די קראָם און צוזאַמען מיט איר כאָפּטע פאַרקויפערקעס אַרויס פאַרשטאַרקן די רייען. אַלע ליובויען זיך מיטן פּאָרל. אפילו צאַלעל נאָז, דער גרעסטער סוחר פון פאַרטיקע זאַכן זאָגט, אַז דאָס פּאָרל איז צוגעשניטן, בעסער דאַרף מען ניט. בלויז שרה קלאָק,

וואָס אַליין איז זי געווען אַ קנאַפּע שיינהײַט און מען האָט גערעדט אויף איר, אַז זי דאַרף זיך ראַזירן, האָט געבורטשעט, אַז איר געפעלט ניט דער ראָמאַן.

גייען זיי ביידע, דער לערער גערשטיין מיט דינה האַלפערין, און גאַנץ דײַטשע־גאַס פאַרגינט דעם לערער זײַן אויסקלײַב, ווײַל מען קען דעם לערער גערשטיין דורך קאָנצערטן פונעם כאָר, מיט וועלכע ער פירט אָן — דעם כאָר בײַ דער געזעלשאַפט פרײַנד פון רעאַל־גימנאַזיע. ווילנע, פאַר אַ גוט שטיקל נגינה, פאַר אַ שיין ליד, קאָן אַוועקגיין צו פוס ביז אַרויף ליפּוווקע, עק שטאָט.

נאָך עמעצן איז ניט געפעלן געווען דער ראָמאַן — סעם בראָנעצקין. ער איז גראָד ארויסגעגאַנגען פון בענדלס פאַבריקמאַכערסקע, לעבן דער דײַטשער קירכע, האָט ער געזען דאָס פּאָרל אויף דער אַנדער זייט גאַס. זיי, דינה מיטן לערער, האָבן אים ניט באַמערקט. זיי זענען געווען פאַרנומען איינער מיטן אַנדערן.

דײַטשע־גאַס האָט אַרודערוועט. ס׳איז געווען דינסטיק, אַ מאַרק־טאָג. ס׳איז געגאַנגען אַ האַנדל מיט הויזן, טשוועקעס, שטריק און סיצענע קליידלעך. אויף דײַטשע־גאַס איז געווען וואָס צו קויפן, ווי נאָך, אַז דער טאָג האָט זיך געשטעלט אַ זוניקער, אַ לויטערער, צוגעפּאַסט צו דער צײַט פון נאָך פּסח. אַלע שילדן זענען געווען אָפּגעוואַשן דורך די לעצטע רעגנס און געשײַנט מיט ייִדישע אותיות און געמעלעכצן פון הענטשקעס, גאָרסעטן און צוויי־באָרטנע אָנצוגן. אין יעדן הויף האָבן זיך געדרייט מענטשן. מען איז געגאַנגען צו דענטיסטן, שנײַדערקעס, שוסטערס און בלעכערס. דער האַנדל איז געפלאָסן. בײַ יעדן וועגעלע מיט סחורה, בײַ יעדן סטראַגאַן אויפן ראָג האָבן זיך געשטופּט קונים, געזוכט מציאות.

סעם בראָנעצקי איז געשטאַנען אין אָט דעם האַרמידער און געזוכט אַ פּאַסיק וואָרט פאַר דינהן. ער איז געווען אויפגעקאָכט.

ער האָט איר שוין עטלעכע מאָל געגעבן אָנצוהערעניש, אַז ס׳איז נישט. האָט אים דינה געענטפערט, אַז ווילנע איז ניט סתּם אַ שטאָט. דאָ דאַרף מען אָנגיין מיט אַ ביסל קולטור. דער לערער יעקב גערשטיין (אַזוי האָט זי אים אָנגערופן מיטן פולן נאָמען). איז זייער אַן אָנגענומענער מענטש אין ווילנע. ער איז אַ מוזיקער און אַ דיריגענט. איר אָנגיין מיט אים ברענגט כּבוד דער גאַנצער טרופּע.

סעם בראָנעצקי וואָלט מוחל געווען דעם כּבוד, אָבער צו שטאַרק אײַנרײַסן מיט דינהן האָט ער ניט געוואָלט. אַרום און אַרום ציט זי דעם עולם, נישט ער. יונג איז זי, קיין קינדער איז נישטאָ, קאָן זי נאָך אַ מאָל אים זאָגן — זײַ געזונט, און פּאַרטיק. ס׳האָט זיך שוין אַזוינס געטראָפן אין טעאַטער. אָבער די גאַנצע מעשה מיט גערשטיינען גייט שוין איבער די גאַל. ער וועט מוזן רעדן מיט איר. ווײַטער אַזוי קאָן דאָס ניט גיין.

מיט אָט דעם באַשלוס איז סעם בראָנעצקי אַריבער די גאַס. אויפן וועג צום רעסטאָראַן האָט אים שיער ניט פּאַרטשעפּעט אַ האָלאָבליע פון שמעון דעם איזוואָשטשיקס דראָזשקע.

דאָס פערד האָט זיך צעהירזשעט, כאילו אויסגעלאַכט דעם אַקטיאָר. איז ווייניק, האָט נאָך שמעון פון דער קעלניע אַראָפּגעשריִען אַ וואָרט וועגן בלינדזוקעס.

סעם בראָנעצקי איז אַרײַנגעקומען אין רעסטאָראַן נאָך מער צערייצט, ווי ער האָט אויסגערעכנט.

צו קיין איבעררייד בײַ וועלפקען איז ניט דערגאַנגען. אַקטיאָרן האָבן אונטערגערוקט בראָנעצקין עטלעכע גלעזלעך בראָנפן. מען האָט געטרונקען לחיים פאַר דינה האַלפּערינס דערפאָלג. אויך בראָנעצקין האָט מען ניט פאַרגעסן. די טרופּע האָט פּאַרדינט געלט און מען האָט זיך דערלויבט נאָך אַ גאַנג געהאַקטע לעבער מיט גריוון. ס׳איז געווען פריילעך און בײַ בראָנעצקין איז אויסגעגאַנגען דערווײַל דער כּעס. דער לערער

גערשטיין האָט זיך משמח געווען מיט דער חברה, צוגערוקט די ליפּן צו אַ קעלישעק, אָבער ניט געוואָרן מיט זיי סתם פּאַן־בראַט, אַ נאָענטער מחותן. אויך די אַקטיאָרן האָבן זיך געהאַלטן אַרטיק, ארויפגעקוקט צום לערער גערשטיין און זיך געהיט ניט צו לופטערן די שפּראַך, ניט ארויסכאַפּן זיך מיט אַן איבעריק וואָרט.

★

דער לערער גערשטיין איז געגאַנגען צו זיך אַהיים אויף ליטעראַצקע געסל, און געהאַלטן אין איין איבערטראַכטן דעם ענין מיט דינהן. בײַ וועלפקען אין רעסטאָראַן האָט טאַקע סעם בראָנעצקי גאָרניט געזאָגט, אָבער זײַנע אויגן האָבן גערעדט. און וואָס איז דער וווּנדער? וועלכער מאַן וואָלט עס געוואָלט לײַדן? כאָטש וואָס איז די גרויסע זינד? אַרום און אַרום איז עס דאָך בלויז...

דער לערער גערשטיין האָט ניט געוואָלט נאַרן זיך אַליין. טיף אין האַרץ האָט ער גוט געוווּסט, אַז דאָס איז ניט "בלויז". דאָס איז אַלץ וועגן וואָס ער טראַכט און מיט וואָס זײַן גאַנצער געמיט איז באַשעפטיקט.

פון אָט דעם אויספּיר איז דעם לערער ניט געוואָרן לײַכטער. אַרום און אַרום איז זײַן אומגיין מיט דער אַקטריסע געוואָרן אַ טעמע אין ווילנע.

אַזוי איז ער געגאַנגען אַהיים, רעדנדיק מיט די אייגענע מחשבות. אויפן ראָג ליטעראַצקע געסל האָט ער אָנגעהויבן זיך אַליין פאָרוואַרפן:

— אַלטער באָק, וואָס מאַכסטו זיך נאַריש? וואָס האָט זיך דיר דער קאָפּ פאַרדרייט?

דאָס האַרץ, אָבער, דאָס האַרץ האָט ניט געפאָלגט און בײַ יעדער מינדסטער דערמאָנונג וועגן דינה האַלפּערין האָט עס מיט אַ האַסטיק קלאַפּן געטריבן פון זיך דעם שׂכל.

★

דאָס טעאַטער האָט געמאַכט אַ הפסקה אויף עטלעכע טעג. סעם בראָנעצקי איז אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע מכוח אַ טור קיין רומעניע. דער דירעקטאָר פון בוקאַרעשטער טעאַטער האָט שוין געוואַרט אויף אים. תחילת האָט סעם געפאָדערט דינה זאָל פאָרן מיט אים, אָבער יענע האָט זיך אײַנגעקשנט, אַז זי האָט ניט קיין כּוח. עס קומט איר אַ ביסל רו נאָך פאַרשטעלונגען נאַכט־אײַן, נאַכט־אויס. האָט בראָנעצקי נאָכגעגעבן און אַוועקגעפאָרן אַליין. ער האָט אויך אויסגערעכנט, אַז וואָס קאָן שוין זײַן אין די פּאָר טעג. ביז זי וועט זיך געבן אַ דריי מיט דעם לערער, וועט ער שוין זײַן צוריק.

געבליבן ביידע אין שטאָט, האָט גערשטיין פאַרטראַכט צו נעמען דינהן אויף אַ לענגערן שפּאַציר. דאָס בעסטע וועט זײַן אַוועקצופאָרן קיין ווערעק, הינטער ווילנע. ס׳איז האַרט פאַר שבועות, אַלץ איז גרין, די זון שײַנט אַזוי מילד, די גאַנצע שטאָט ליובּויעט זיך מיטן ריח פון בלויזקן מײַ, וואָס באַפּוצט די ביימער־קרוינען אויף אַלע גאַסן. קאָן מען זיך פאָרשטעלן ווי ס׳איז איצט אין ווערעק.

אַזוי האָט גערשטיין צוגערעדט דינהן צום שפּאַציר.

דער לערער האָט איבערגערוקט זײַנע לעקציעס אויף אין דער פרי, און בעת דער גרויסער הפסקה אַוועקגעשפּאַנט מיטן שטעקן אין האַנט צו דינהן.

דינה האָט זיך יענעם טאָג אויסגעפּוצט אין אַ ווײַס קלייד מיט אַן אָפענעם דעקאָלט און אַ שטרויי־הוט מיט ברייטע ראַנדן. איר חן האָט דעם לערער פאַרהאַקט דעם אָטעם. זענען זיי ביידע אַוועק צו דער ווילִיע, גענומען דעם דאַמפּער ״סמיגלי״ און זיך געלאָזט אין אַ נסיעה לענג־אויס דעם טייך, קעגן שטראָם — קיין ווערעק.

ביידע זענען זיי געשטאַנען אויפן אייבערדעק פון דאַמפּער,

אַריבערגעבויגן איבערן באַריער, און אַראָפּגעקוקט צום לעבעדיקן וואַסער־שטראָם, וואָס האָט זיך געריסן פון אונטער די טרײַב־רעדער.

דינה האָט זיך געקוויקט מיטן וואַסער, מיטן ווילִיע־ברעג, ווי אײַנגעבויגענע ווערבעס, ווי זקנים, האָבן געקעמפט פאַר אַ שטיקל באָדן צווישן שטאָלצע, ווײַסע בעריאָזעס. זי האָט טיף געאָטעמט, זיך מחיה געווען מיט דעם ווינטל, וואָס האָט זיך פאַרקליבן אין די פאַלדן פון דער ברייטער קלייד און געפּרוווט עס אָנשפּאַנען ווי אַ זעגל צו אַ זוניקער נסיעה. ערשט איצט איז דינה געקומען צום שכל, אַז ס'איז אַ מאָל זייער גוט ניט צו שפּילן טעאַטער און זיך אַרויסרײַסן צו דער זוניקער פרײַ.

זי האָט שטיל געדריקט דעם לערער גערשטיינס האַנט. דאָס האָט געדאַרפט הייסן — אַ דאַנק פאַר דער פאַרבעטונג.

אָנגעקומען אין ווערעק האָט דער לערער גערשטיין געוואָלט נעמען דינהן צום דאָרטיקן פּאַלאַץ.

פון דער שיינער טעראַסע אין פּאַרק־פּאַלאַץ קאָן מען זען די גאַנצע געגנט אַרום. דינה האָט, אָבער, געוואָלט בלויז גיין מיט אַ סטעזשקע פאַזע וואַסער, וואָס האָט דערפירט ביז צום ראַנד פון וואַלד. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אונטער דעם ערשטן באַגעגנטן בוים. פריִער האָט דער לערער פאַרשפּרייט זײַן רעקל אויף דעם שטיקל מאָכיקן באָדן, כדי צו פאַרהיטן דינהס ווײַס קלייד. ביידע זענען זיי געזעסן אונטערן בוים און אָן איין וואָרט נאָכגעפאָלגט ווי משה רבינוס אַ קיִעלע שאַרט זיך געלאַסן צו דינהס קניען.

זענען זיי געזעסן ביידע אויפן ראַנד וואַלד, און קיין מענטש האָט זיך ניט געזען אין דער געגנט. דער לערער האָט זיך קיין עצה ניט געקאָנט געבן מיט זיך אַליין. זאָל ער זי אָננעמען פאַר אַ האַנט? זאָל ער זיך דערוועגן איר אָפּצודריקן אַ קוש אויף דער צערויטלטער באַק? דער לערער איז ניט שטאַרק געניט געווען מיט דעם אַנדערן מין. זײַן אַלט־בחורשאַפט האָט אים

אַרומגענומען ווי אַ קאָרע.

זענען זיי געזעסן פֿאַרשפּינוועבט אין אַ שמועס, וואָס זײַנע פּעדים האָבן זיך געהאַלטן אין איין רײַסן, ביז דינה האָט זיך פֿונאַנדערגעלאַכט הויך אויפֿן קול און געפֿרעגט דעם לערער גערשטיין:

— וואָס איז מכוח עפּעס עסן?...

זענען זיי אַוועק צו דער קרעטשמע ווו מען האָט באַקומען קאַרטאָפֿל מיט זויער מילך און פֿרישע רעדיסקעס אַ צוגאָב.

★

...די זון האָט שוין אָנגעהויבן פֿאַרגיין, און דער לערער גערשטיין מיט דינה האַלפּערין זענען געזעסן אויפֿן באַלקאָן פֿון דער קרעטשמע און נאָכגעפֿאָלגט די שאָטנס, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן נורען אין די קלעטער־פּלאַנצן אויף די ווענט פֿונעם האַרבעריק.

די קרעטשמערקע האָט גוט געקענט דעם לערער גערשטיין פֿון די אויספֿלוגן מיט די גימנאַזיע־שילער. האָט זי אים מיט זײַן דאַמע אַרויפֿגעלאָזט אויפֿן ערשטן גאָרן, ווו מען האָט געקאָנט דינגען אַ שטיבל. זי, די דורכגעפֿאָרענע גויע, וואָס האָט דערקענט אַ פֿאַרליבט פּאָרל פֿון קילאָמעטערס, האָט אַנדערש ניט געטראַכט, אַז זיי וועלן זיך אָפּשטעלן אויף נאַכט. זענען זיי גאָר געזעסן אויפֿן באַלקאָן ווי קיין מאָל גאָרנישט, און ניט גערעדט מיט איר פֿונדאַנעט אַהין.

זיי האָבן זיך ניט אַרומגעזען ווי די לבנה האָט פֿאַרביטן די זון און פֿאַרגאָסן מיט אַ בלאַס ליכט דעם גאַנצן באַלקאָן, זיך געלאַשטשעט צו די פֿענצטער. סאָלאָווייען האָבן אָנגעהויבן זינגען, אַזוי ווי אויף באַפֿעל פֿון אַן אומזעיִקן דיריגענט. ווען איין פֿויגל איז אַנטשטומט געוואָרן, האָט זיך אָפּגערופֿן אַ צווייטער. אין דער געגנט אַרום ווילנע, האָט דער לערער דערקלערט דינהן, האָבן תּמיד די סאָלאָווייען געזונגען שיין, באַזונדערס אין ווערעק,

אויפֿן דאַך פֿון דער קרעטשמע סלאָמיאַנקע.

דינה האַלפּערינס קלייד האָס זיך געהאַט צונויפֿגעגאָסן מיט דעם מילכיקן לבֿנה־שײַן. דער אָפֿענער דעקאָלט האָט ניט געלאָזט דעם לערער אויפֿנעמען די מחשבֿות. דינה האָט געוואָלט, מן הסתם, אויסגלעטן אַ ביסל די גלידער, האָט זי זיך אויפֿגעהויבן אויף אַהינטער מיט צעשפּרייטע הענט. אַ פּעטליע פֿון איר ביוסט־האַלטער האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פֿונעם אַקסל. דער לערער גערשטיין איז צוגעפֿאַלן צו איר, פֿאַרגראָבן זײַן פּנים אינעם טאָל צווישן אירע ברוסטן. ס'האָט געדויערט אַ פּאָר רגעס ביז ער איז מסוגל געווען אויסצושעפּטשען:

— מײַן גרויסע ליבע... דינהלע. דו... מײַן גרויסע ליבע...

דינה האָט אים צוגעדריקט צו זיך. אַזוי זענען זיי געבליבן ביידע פֿאַרגליווערט און פֿאַרגלידערט אינעם טעאַטראַלן שײַן פֿון דער לבֿנה און דעם סאָלאָוויי־געזאַנג אויפֿן דאַך פֿון דער קרעטשמע...

זיי האָבן קוים געכאַפּט דעם לעצטן דאַמפֿער צוריק קיין ווילנע. די שטאָט האָט זיי געהאַט באַגעגנט טיף אין חושך.

★

סעם בראָנעצקי האָט זיך דערוווּסט וועגן דינה האַלפּערינס שפּאַציר מיט דעם לערער גערשטיין. אַקטיאָרן האָבן געזאָגט, אַז דאָס האָט זיסל, דער פּאַרטיער פֿון האָטעל, צוגעדינט בראָנעצקין מיט דער ידיעה. דינה, אין איר תּמימות, האָט געמאָלדן, אַז זי פֿאָרט קיין ווערעק. טאָמער פֿרעגט מען אויף איר, זאָל מען וויסן, ווּ זי איז און זיך ניט באַאוּמרויִקן, ווײַל זי פֿאָרט ניט אַליין.

ווי עס זאָל ניט זײַן — סעם בראָנעצקי האָט זיך דערוווּסט און ס'האָט געברענט אין אים אַ פֿײַער. מען האָט אַפֿילו געהערט געשרייען פֿון זייער האָטעל־צימער. דעמאָלט, בײַ וועלפּקען, האָט ער זיך טאַקע געהאַט אײַנגעהאַלטן מיט די לעצטע כּוחות, אָבער איצט האָט ער באַשלאָסן — ער מוז מאַכן אַ סוף צו דעם ראָמאַן.

אין איינעם אַ לערן־טאָג, בעת דער גרויסער הפסקה, האָבן שילער דערזען סעם בראָנעצקין ווי ער שטייט אין אַ ווינקל פונעם גרויסן גימנאַזיע־הויף און רעדט מיט דעם לערער גערשטיין. מיט אַ מאָל איז געוואָרן שטיל אויפן הויף. אַלע שפּילערײַען, געשרייען, לויפענישן, פּאַרוועטונגען, ווי אויף אַ גרויסער הפסקה — אַלץ איז אַנטשטומט געוואָרן.

דער לערער גערשטיין האָט ניט איבערגעריסן מיט איין וואָרט סעם בראָנעצקיס טיראַדע. ער האָט בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. די שילער פון זײַן קלאַס זענען געשטאַנען פון דער ווײַט ענג לעבן אַנדערן, ווי אַ לעגיאָן, און נאָר געוואַרט טאָמער וועט אָט דער שונדיסט פוגע זײַן זייער באַליבטן לערער. זיי, די תּלמידים, האָבן גוט געוווּסט וועגן וואָס סעם בראָנעצקי רעדט מיט דעם לערער גערשטיין. זיי האָבן אויך געמערקט דעם ציטער פון דעם אַקטיאָרס הענט, אויך דעם לערער גערשטיינס צערודערונג — ער האָט יעדע ווײַלע געגלעט די וואָנסן און געקוקט אויף אַלע זײַטן, ווי ער וואָלט געזוכט אַ גואל פון דעם פּריקרען שמועס.

גערעדט אַ גוטע פּאָר מינוט, האָט סעם בראָנעצקי פּאַרלאָזט דעם גימנאַזיע־הויף. דער לערער גערשטיין איז געשטאַנען אַליין ביז צום קלונג און זײַנע שילער האָבן זיך ניט דערוועגט, ווי דער שטייגער איז געווען, דערנענטערן זיך צו זייער לערער, וואָס זײַן גלעט איבערן קאָפּ האָט זיסער געמאַכט אַ טאָג לימודים.

★

פון יענעם שמועס מיט סעם בראָנעצקין האָט דער לערער גערשטיין זיך מער ניט געטראָפן מיט דינה האַלפּערין. דערווײַלע האָבן זיך די גאַסטראָלן געענדיקט, און דאָס פּאָרל האָט געהאַלטן בײַם אָפּפאָרן. די נאַכט נאָך דער לעצטער פאָרשטעלונג האָט געגרויסט און געקלאַפּט גלעזל אָן גלעזל אין וועלפּקע אוסיאַנס רעסטאָראַן. אַקטיאָרן האָבן זיך משמח געווען. סעם בראָנעצקי

האָט געשטעלט בראָנפן. אויך רעדעס האָבן ניט געפעלט. בלויז דער לערער גערשטיין האָט דאָרטן געפעלט. ער איז געבליבן אין דער היים. דערנאָך, ווען דינה האַלפערין מיט סעם בראַנעצקין זענען אַוועקגעפאָרן, האָט ער מגלה געווען זײַן פרײַנד סיאָמקע קאַגאַן, אַז ער האָט געהאַט צוגעזאָגט בראָנעצקין זיך ניט צו טרעפן מער מיט דינהן.

איז געבליבן דעם לערער גערשטיין צו וואַרעמען דאָס האַרץ מיט אַ בריוול צו אים, וואָס זײַן שוועסטער האָט געפונען אונטער דער אַרײַנגאַנג־טיר פון זייער שטיבל אויף ליטעראַצקע געסל. דאָרטן איז געווען געשריבן:

טײַערער יאַנקעוו (לערער גערשטיין),

איך נעם ניט מיט פון ווילנע ניט איר שיינקײַט, ניט איר האַרציקן אויפנעם. איך נעם גאָרנישט מיט מיט זיך, בלויז איינס נעם איך מיט — דײַן אָטעם אויף מײַן נאַקעטער ברוסט אין ווערעק. איך וועל אים האַלטן מיט זיך אין גאָרער וועלט.

זײַ געזונט, דינה.

אין דרויסן איז געשטאַנען אַ יוני־אָוונט, וואָס האָט געמאַכט פאַרגעסן רעגן און קעלט. די ביימער אויף ליטעראַצקע־געסל האָבן אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם, זיך צוגעהערט צו דער שטילקײַט פון אַרום. דער זומער האָט געדרעמלט אויף די אָפּגעקילטע שטיינער בײַם אַרײַנגאַנג צום קלויסטער פון דער הייליקער אַנאַ.

דער לערער גערשטיין האָט אַרויסגענומען פון פּוטליאַר די קאָנצערטינע, זיך אַוועקגעזעצט אויף זײַן שמאָלן געלעגער, און אָנגעהויבן אַרויסציען פון איר אינגעוויייד די מעלאָדיע פון אַ ליד, וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַרן כאָר. די ווערטער פונעם ליד האָבן זלידנע געפּיקט זײַן מוח:

„ס'איז דער האַרבסט געקומען, ס'וועלקן בוים און בלום..."

# ייִדיש געלט

# ייִדיש געלט

אויף דײַטשע־גאַס נומער צוועלף, ווו דער טויער האָט ברייט אַרײַנגעפֿירט אינעם שולהויף, האָט געוווינט אַ ייִד, וואָס קיינער האָט ניט געוווּסט פֿון וואָס ער לעבט, פֿון וואָס ער ציט זײַן פּרנסה. אַפֿילו ווינצענטי, דער סטרוזש, פֿאַר וועמען דאָס גאַנצע הויז איז געלעגן ווי אַן אָפֿענע טאַליע קאָרטן, האָט ניט געוווּסט אָפּצוגעבן אַ קלאָרן חשבון צאָכן, דעם בעל־הבית פֿון דעם מויער, ווער איז יענער ייִד און וואָס איז זײַן טועכץ. צאָך האָט געדאַרפֿט וויסן פֿון פֿריִער ווי עס וועט זײַן מיט דירה־געלט. לויט ווינצענטיס ראַפּאָרט, האָט ער פֿאַרשטאַנען ווער ס'איז מסוגל צו צאָלן רעגולער, און בײַ וועמען עס גייט זיך פֿאַרהאַקן. ווינצענטי האָט געמאָסטן דעם מצב פֿון יעדן לאָקאַטאָר לויט דער צאָל נעכט וואָס יענער איז געקומען אַהיים און געדאַרפֿט באַצאָלן צען גראָשן פֿאַר עפֿענען דעם טויער. האָט ער פֿון אײנעם לאַנג ניט געהאַט קיין פּרנסה, איז עס געווען אַ סימן, אַז יענער איז אַראָפּ פֿון די געשעפֿטן און מוז שפּאָרן ווו עס לאָזט זיך. דערנאָך איז צאָך געקומען צו פֿאָרן אויף זײַן קאַלעמאַשקע, מיטן אויסבראַקירטן פֿאָני, אַ פֿערדל אַ קאַרליק, פֿון ציניזעליס צירק, כּדי צו כאַפּן אַ שמועס מיט דעם לאָקאַטאָר מכּוח דירה־געלט, צי ס'וואָלט ניט בעסער געווען ער זאָל זוכן אַן אַנדערע דירה, אַ ביליקערע.

דער ייִד האָט אָבער געצאָלט דירה־געלט פֿאָרויס, ניט פֿאַרשפּעטיקט אויף קיין טאָג. און וויפֿל צאָך האָט ניט געפֿרעגט בײַם סטרוזש פֿון וואַנען נעמט יענער געלט, האָט דער גוי ניט געהאַט קיין ענטפֿער.

געוווינט האָט דער ייִד אין בוידעמשטיבל אײנער אַליין, אָן אַ משפּחה. ער איז מער געזעסן אין שטוב ווי געגאַנגען איבערן

שולהויף. ווינצענטי איז אַ מאָל אַרויפגעגאַנגען צו אים מיט אַ תּירוץ, כּלומרשט אַ קוק טאָן צי די רינע פון דעם רעגן־וואַסער איז ניט אָפּגעריסן פון דער וואַנט; האָט ער אים געטראָפן זיצן בײַם טיש, וואָס איז געווען פאַרוואָרפן מיט שטיקלעך ווײַס פּאַפּיר, צוגעשניטן ווי עטיקעטקעס אויף ווײַנפלעשער, און קרײַדלעך פון כּלערליי קאָלירן.

האָט ווינצענטי מודיע געווען דעם בעל־הבית, אַז דער ייִד לעבט פון צוגרייטן עטיקעטן פאַר באַראָווסקין פון די עסיק, אָדער אפשר פאַר בערגערן פון די לימאָנאַד. צאָבן האָט זיך דאָס אָבער ניט געלייגט אויפן שׂכל, אַז עטיקעטן זאָל מען מאַכן מיט דער האַנט און ניט באַשטעלן זיי אין אַ דרוקערײַ. איז ער געקומען צום אויספיר, אַז כאָטש אין ווילנע פעלן ניט קיין משוגעים, מעג שוין זײַן נאָך איינער, וואָס וויל קאָנקורירן מיט אַ דרוקעריי. אַבי ער וואָיעוועט ניט און צאָלט דירה־געלט.

אין ווילנע האָבן טאַקע ניט געפעלט קיין משוגעים. דער גאַנצער שולהויף האָט געווימלט מיט צעדרומשקעטע פאַרשוינען: יודקע די מאַד איז נאָכגעלאָפן, סײַ זומער סײַ ווינטער, אַלע מיידלעך און ווײַבלעך, וואָס זענען אַדורך דעם הויף. מ׳האָט זיך געשושקעט וועגן אים, אַז ער איז גאָרניט אַזוי משוגע, אַ סימן — אַלטע ייִדענעס לאָזט ער פאַרבײַ. געווען דאָרטן גדאַלקע דער חזן, וואָס האָט געשריען, אַז מע לאָזט אים ניט צו צום עמוד אין שטאָטשול, ווײַל ער האָט ניט קיין לאַקירקעס. רחל די משוגענע האָט געוואָלט ווערן אַ הויפדאַמע און זיך געקליידט אין אַ קרינאָלינע, וואָס דער ייִדישער טעאַטער האָט איר געגעבן אַ מתּנה. איסערסאָן האָט געפּריידיקט אויף די טרעפּלעך פון דער קבֿרנישער קלויז, מע זאָל עפענען די משוגעים־הײַזער, ווײַל דאָרטן זיצן דווקא די קלאָרע.

בײַ שיינדלען אין טשײַנע, אונטער די פענצטער פון גאָונס קלויז, איז געווען דער קלוב פון די משוגעים. בלויז שיינדל האָט

זיך געקאָנט אַן עצה געבן מיט זיי. דער ייִד איז אָבער ניט געגאַנגען צו שיינדלען אין טשײַנע און האָט זיך ניט געמישט מיט דער גאַנצער צעדרומשקעטער פּאַראַפּיע. בלויז אין איין אָרט אויפן שולהויף איז ער יאָ אַ מאָל אַרײַנגעקומען־אין סטראַשונס ביבליאָטעק. חײַקל לונסקי, דער ביבליאָטעקער, האָט דערזען אין טיר אַ ייִדן, וואָס האָט מיט אַ פאַרלאָרענעם בליק געבלאָנדזשעט איבער די ביכער־פּאָליצעס, איז ער צוגעגאַנגען צו אים און אים פאַרגעלייגט אַ שטול בײַם בשותּפותדיקן לייענער־טיש. דערנאָך, אַז ער האָט געזען ווי דער ייִד זיצט ווי אַ פאַרמישפּטער בײַם ברעג טיש שוין באַלד אַ שעה צײַט און ציילט די אייגענע פינגער, איז ער צוגעגאַנגען צו אים און שטיל געפרעגט:

— אפשר קאָן איך אײַך העלפן?

דער ייִד האָט אויפגעהויבן צום ביבליאָטעקער אַ פּאָר שוואַרצע פאַרלאָשענע אויגן, וואָס האָבן זיך גוט אַרײַנגעפּאַסט אין זײַן אויסגעדאַרטן און אויסגעקוואַרטן פּנים. סוף־כּל־סוף האָט דער ייִד אַ ברום געטאָן:

— איך וואָלט געוואָלט וויסן... — און ער איז אַנטשוויגן געוואָרן.

חייקל האָט אים דערמונטערט:

— אַדרבא, זאָגט, וואָס ווילט איר וויסן. שעמט זיך ניט, פרעגט.

דאָ האָט זיך דער ייִד אָנגענומען מיט מוט און שטיל געענטפערט:

— איך וויל וויסן וועגן ייִדיש געלט...

— וועגן ייִדיש געלט? אַדרבא, וואָס ווילט איר וויסן?

— נו, מיר האָבן דאָך געהאַט אַ מאָל אַן ארץ־ישראל, וואָס פאַר אַ געלט איז דאָרטן געגאַנגען?

חײַקל לונסקי האָט אויפגענומען דעם ייִדנס שאלה אַזוי נאַטירלעך, ווי יענער וואָלט געפרעגט וויפל ס'איז דער זייגער. ער האָט אים גענומען אין אַ באַזונדער ווינקל און אים געזאָגט, אַז

כּדי צו וויסן וועגן ייִדיש געלט, דאַרף מען אַרײַנקוקן אין אַ סך ביכער, אָבער אַזוי ווי ער איז שוין געקומען אין ביבליאָטעק, וועט ער אים געבן עטלעכע פּרטים אויפן שפּיץ מעסער: אין חומש, אין דער פּרשה חיי שׂרה, שטייט, אַז אַברהם אָבינו האָט באַצאָלט פיר הונדערט שקלים פאַר דער מערת־המכפלה, כּדי צו באַערדיקן דאָרטן זײַן ווײַב, שׂרהן; ווען די ייִדן האָבן מלחמה געהאַלטן מיט די רוימער, האָבן זיי געגאָסן מטבעות, וואָס האָבן אויך געטראָגן דעם זעלביקן נאָמען: "שקל".

— "שקל" — האָט דער ייִד איבערגעריסן חײַקלס לעקציע — "שקל" איז טאַקע אַ שיינער נאָמען, ווי מיינט איר?

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, און חײַקל האָט אָנגעהויבן פאַרשטיין וואָס ס'האָט דעם ייִדן געבראַכט דערצו, ער זאָל זיך פאַרנעמען מיט ייִדיש געלט. ער האָט באַלד געזען אַז בײַם ייִדן אין קאָפּ איז איבערגעשטעלט דאָס מעבל, אָבער יענער האָט פונאַנדערגעוויקלט זײַן מאַנקאָליע מיט אַזאַ ערנסט און אייפער, אַז חײַקל האָט אויף עטלעכע מינוט פאַרלאָרן זײַן שמייכל.

דער ייִד האָט דערציילט, אַז ער לעבט אַליין. אַ שוועסטער שיקט אים פון יאָהאַנעסבורג צום לעבן. טראַכט ער אַז אַ מאָל וועט אַוודאי אויפקומען אַ ייִדישע מדינה; אלע צרות ווײַזן דערויף. האָט ער באַשלאָסן צוצוגרייטן געלט פאַר אָט דער מדינה. אַ מדינה אָן געלט איז גאָרנישט. ער טראַכט שוין לאַנג דערוועגן, ער האָט אָבער ניט געוווּסט ווי זיך צו נעמען דערצו, אַפילו ניט, ווי אַזוי אָנצורופן די מטבע. איצט ווייס ער שוין. זי וועט הייסן "שקל". ער וועט אויפשרײַבן אויף יעדער באַנקנאָט "ייִדיש געלט" און ער אַליין וועט זיך אונטערשרײַבן, ווי דער פּרעזידענט פון דער מדינה. אַלץ וועט זײַן אָנגעשריבן אויף ייִדיש, כאָטש מע וועט דאָרטן, אין דער אויפגעקומענער מדינה, רעדן העברעיש. ייִדיש איז אָבער בעסער, ווײַל מע פאַרשטייט יעדער וואָרט. ער וועט טאַקע באַלד אָנהייבן צו קויפן אַלץ מיט ייִדיש געלט, און איין

מאָל אין חודש וועט ער אויסלייזן די ייִדישע וואַלוטע מיט פּוילישע זלאָטעס. אַזוי וועט ער צוגעוווינען די ווילנער ייִדן צום אייגענעם געלט, ווי אַן ערשטער טראָט צו אַן אייגענער מדינה.

און בײַם דערמאָנען די צוקונפטיקע ייִדישע מדינה, האָט חײַקל לונסקי באַמערקט, ווי בײַם ייִדן צינדן זיך אָן די פּאַרלאָשענע אויגן און הייבן אָן ברענען מיט אַ שטיל פֿײַערל, צעבלאָזן פֿון אַ ניט־היגן ווינטעלע, וואָס טראָגט אין זיך אַ קינדערשן חלום.

★

אַזוי האָט דער ייִד אײַנגעפֿירט ייִדיש געלט אין ווילנע. דאָס איז אים ניט לײַכט אָנגעקומען. די ערשטע צײַט האָט מען אים געוואָרפֿן צוריק זײַן וואַלוטע. אפֿילו די באָבעסניצעס, די ווײַבער וואָס זענען אַרומגעגאַנגען איבער דער שטאָט מיט גרויסע טעפּ באָבעס און זיי פֿאַרקויפֿט מיט אַ ניגון: "הייסע באָבעס זיך צו אַטחיהן, פֿאַר דעם קייסער צו שטעלן" — אפֿילו זיי האָבן ניט געוואָלט פֿאַרקויפֿן אַ קענדעלע סחורה פֿאַר ייִדיש געלט. וואָס דער ייִד האָט געטענהט, אַז ער גאַראַנטירט פֿאַר יעדן גראָשן, אַז נאָך איין חודש קויפֿט ער אויס דעם ייִדישן קאַפּיטאַל מיט פּויליש געלט, האָט עס ניט געהאָלפֿן. שרה־מערע די באָבעסניצע, די עלטסטע אין דער בראַנזשע, האָט אים אַ פֿרעג געטאָן, וואָס טויג אים דאָס גאַנצע געשעפֿט, אַז ער קאָן גלײַך באַצאָלן מיט ריכטיקן געלט און פּטור אַן עסק. האָט ער געענטפֿערט:

— און ייִדיש געלט איז קיין געלט ניט?

האָט שרה־מערע זיך איבערגעקוקט מיט די אַנדערע ווײַבער און אָנגעשטאָפּט דעם ייִדן אַ קענדעלע באָבעס, אָנגעשוואָלענע, פּוכיקע, וואָס צעגייען זיך אין מויל. דעם באַקומענעם "שקל" האָט זי אויסגעפּאָרשט פֿון אַלע זײַטן און אים פֿאַרשטופּט אין אַן אינעווייניקסטער קעשענע פֿון איר אונטערראָק. די ווײַבער האָבן זי געטרייסט:

— האָסט פאַרלוירן אַ קענדעלע באָבעס, זאָל אַ מאַנקאָליעדיקער הנאה האָבן...

ביסלעכוויז האָט זיך די גאַנצע געגנט, פון ייִדישע־גאַס ביז צום האַלצמאַרק אויף זאַוואַלנע, צוגעוווינט צו דער ייִדישער וואַלוטע. דער קורס פון אַ "שקל" איז בײַ אים געווען צען גראָשן. פּראָבע פון דער בעקערײַ, טאַליייקינסקי פון די וווּרשט, פּרומקין פון אַפּטייק, אויך די סעמערלעך, ווו מ'האָט פאַרקויפט אַ האַלבן הערינג און צוואָרעך אויפן לעפל — אַלע האָבן אָנגעהויבן נעמען ייִדיש געלט, נאָך דעם ווי דער ייִד איז געקומען יעדן חודש אויסלייזן זײַן אייגנהענטיקן באַנקנאָטן־רעזערוו מיט מלוכישע זלאָטעס. אַחוץ דעם האָט דער ייִד אָנגעהויבן אַמטירן יעדן מיטוואָך, צווישן מינחה און מעריב, אויף די טרעפּלעך פון דער חברה "תּפארת בחורים", אויך אויפן שולהויף, ווו אַרבעטער־ייִנגלעך זענען געקומען אין די אָוונטן נאַשן אַ ביסל תּורה פון דעם בעל־דרשן שמערעלע שאַראַפּאַן; דער ייִד איז דאָרטן געשטאַנען און געביטן זײַן וואַלוטע פאַר אַ ביליקערן פּרײַז: פאַר אַכט גראָשן; אַלץ כּדי די צירקולאַציע פון ייִדיש געלט זאָל ווערן גרעסער. אַזוי ווי דער גאַנצער דורכהויף, ווו מען האָט פאַרקויפט אַלטע זאַכן און אויך יאָשע פון די קוואַס און איצקע דער רעטשיסניק פון קנײַפּע האָבן אָנערקענט דעם "שקל" ווי אַ קראַנטע מטבע, איז דער ייִד תּמיד געווען אַרומגערינגלט מיט קונדן. בײַ אָט די לײַט, וואָס האָבן זיך געקאָנט פאַרגינען צו קויפן בלויז דעם ליאָק, דאָס געזאַלצענע וואַסער פון פעסל ווו ס'ליגט דער הערינג, איז צוויי גראָשן אויך געווען אַ קאַפּיטאַל.

בײַ שיינדעלען אין טשײַנע איז דער "שקל" געווען גאָר אָנגעלייגט. ווי עס פּאַסט פאַרן פּרעזידענט פון אַ מדינה, האָט דער ייִד אונטערגערוקט אַ שטיקל נדבה פאַר אַ בעטלער, פון זײַן אַליין־געמאַכטן געלט, און שיינדל האָט דערפאַר געגעבן טיי און זויערמילך. זי האָט אַפילו געזאָגט אַמאָל איסערסאָנען, דעם

גלאָוונעם משוגענעם, אַז די ״שקלים״ זענען בײַ איר קראַנטער ווי אין בונימאָוויטשעס באַנק. דער ייִד איז קיינעם ניט געבליבן שולדיק. יעדן חודש, ווי אַ זייגער, איז ער געגאַנגען איבער דער שטאָט און אויסגעלייזט זײַן ייִדיש געלט. אַפילו אַוורעמקע דער אַנאַרכיסט, דער הויפּט־סוחר פון געניצטע בגדים אויפן דורכהויף, וואָס האָט אין גאָט ניט געגלייבט, האָט דווקא געגלייבט אין דעם ייִדנס געלט און אים פאַרקויפט אַ פּאָר הויזן פאַר ״שקלים״.

דער ייִד איז אַרומגעגאַנגען אין זײַנע נײַע הויזן איבערן שולהויף מיט אַ טעקע, ווי אַ באַנקיר, און באַזאָרגט אַלעמען מיט ייִדיש געלט. גדאַלקע דער חזן האָט אים געמאַכט אַ מי־שברך, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פּרעזידענט, און ייִדן האָבן טאַקע אָנגעהויבן אונטערקרעכצן, אַז ס׳איז שוין צײַט מע זאָל לעבן מיט לײַטן גלײַך. וואָסי? די פּאָליאַקן קומט אַ מדינה? ״לאָמען זאָגן, אַז יענער איז טאַקע אַ צוגעקלאַפּטער, שפּילט זיך אין אַ פּרעזידענט מיט ייִדיש געלט, אָבער די עצם מעשׂה וואָס ער האָט פאַרטראַכט איז פּאָרט עפּעס...״

★

אַ שטיק ווילנע וואָלט נאָך לאַנג מיטגעשפּילט דעם ייִדנס חלום וועגן ייִדיש געלט. האָט אָבער געטראָפן אַן אומגליק און די גאַנצע אונטערנעמונג איז צעפאַלן געוואָרן. מ׳האָט אָנגעהויבן פעלשן דעם ייִדנס געלט. ער איז אַרײַנגעגאַנגען אין פּראָבעס בעקערײַ זיך צערעכענען, האָט אים פּראָבע צוגעשטעלט אַ פּעקל באַנקנאָטן, גאָר ניט זײַנע.

דער ייִד וואָלט אַוועקגעפאַלן אין חלשות, ווען מע גיסט אים ניט אָפּ מיט אַ קאַן וואַסער.

ווען ער איז געקומען צו־זיך, האָט ער אָנגעהויבן שרײַען, אַז דאָס זענען ניט זײַנע ״שקלים״. מ׳האָט געפעלשט זײַן וואַלוטע. אַזוי איז עס טאַקע געווען. דער ייִד האָט געהאַט געצייכנט אויף זײַנע ״שקלים״ אַ פּאָר שטוביקע לייבן מיט ייִנגלשע פּנימער, וואָס

האַלטן פוןביידע זײַטן מיט דינע לאַפּעס ווי פּיסלעך פון אַ שטול, די ווײַס־בלאָע פאָן. אויף די געפּעלשטע "שקלים" זענען געווען אָנגעגראַזמאָליעט צוויי אָפּגעראַזירטע חיות, אָן גריוועס, מער ענלעך צו קעץ אויף אַ מיסטקאַסטן. אויך דעם ייִדנס אונטערשריפט איז געווען בלויז קאָטשערעס מיט לאַפּעטעס, ניט קיין אויסגעציקלטע און אויסגעצאַצקעטע אותיות, ווי עס פּאַסט פּאַר אַ פּרעזידענט. אויך דאָס פּאַפּיר פון די געפּעלשטע "שקלים" איז געווען פון אַ געמיינעם סאָרט.

באַלד האָט ער אויך בײַ שיינדלען אין טשײַנע אַנטפּלעקט געפּעלשטע "שקלים". אויך בײַ איצקען דעם רעטשיסניק. פּראָבע האָט דער ערשטער געמאַכט אַ סקאַנדאַל, געפּאָדערט געלט. דערנאָך — די איבעריקע. אויף דעם ייִדנס טענה, פּאַר וואָס זיי האָבן ניט געקוקט וואָס מע ברענגט זיי, האָבן זיי געענטפערט: "מיר האָבן געטראַכט, אַז איר האָט אַרויסגעלאָזט אַ נײַע עמיסיע באַנקנאָטן..." דער גרעסטער רחמנות איז געווען אויף זלאַטינקען פון סעמערל, אויף ראָג ייִדישע־גאַס. מיט זיבן פאַלשע "שקלים" האָט מען בײַ איר אַרויסגענאַרט דעם גאַנצן זאַפּאַס הערינג, מיט נאָך אַנדערע גוטיקייטן.

ערשט מיט אַ וואָך צוריק איז דער ייִד געווען דער העלד פון שולהויף, און איצט האָבן זיך אַלע אַרויפגעוואָרפן אויף אים מיט טענות: סטײַטש, ער האָט משוגע געמאַכט האַלב ווילנע מיט ייִדיש געלט, מיט נעמענישן און בײַטענישן, דער שוואַרצער יאָר ווייס צוליב וואָס.

אין איין רגע איז געוואָרן אויס יום־טוב. מען האָט זיך געקריגט, געמאַכט טורליקעס איינער פון אַנדערן, הלמאַי אַ משוגענער ייִד האָט געפירט אַלעמען בײַ דער נאָז. די מעשה איז דערגאַנגען צום פּאָליציאַנט מיט דער רויטער באָרד, וואָס האָט פּאַטראָלירט אין ייִדישן ראַיאָן, געגעסן טשאָלנט בײַ וועלפקען אין רעסטאָראַן און געקענט אַלעמען אויפן ערשטן נאָמען. די זאַך איז

אים ניט געפעלן געוואָרן. ווי קומט ייִדיש געלט אין פּוילן? וואָס האָבן די ייִדעלעך פאַרטראַכט? אַווראָמקע דער אַנאַרכיסט האָט אים קוים איַנגעגנומען מיט אַ מתנה פאַר זיַן וויַב. אַווראָמקע האָט אויך פאַרזאָגט דעם ייִדן, מיטן האַרבן וואָרט, ער זאָל אויפהערן פאַרשפּרייטן ייִדיש געלט און פאַרמאַכן די באַנק זיַנע.

★

אזוי האָט זיך פאַרענדיקט דעם ייִדנס פּרעזידענטשאַפט. קוים מיט צרות איז ער אַרויס פון די חובות פאַר די געפעלשטע "שקלים", געבליבן אָן אַ גראָשן. וויפל די שוועסטער האָט געשיקט, איז געווען ווינציק צו פאַרשטאָפּן אַלע צעשריַענע מיַלער. ווען שיינדל פון טשיַנע קאָרמעט אים ניט אונטער, פאַלט ער אין גאַס. דער ייִד האָט נאָר געציטערט, אַז צאָך, דער בעל־הבית פון הויז, זאָל אים ניט הייסן גיין, וויַל ער איז געווען הינטערשטעליק מיט דירה־געלט.

איז ער געזעסן ביַ אַ נאַקעטן טיש אין זיַן בוידעמשטיבל און געוואַרט עס זאָל אריַנקומען ווינצענטי דער סטרוזש און אים הייסן אַראָפּגיין אויפן הויף, וויַל דער בעל־הבית וויל אים זאָגן עטלעכע ווערטער.

און ער האָט זיך אויף דער רגע דערוואַרט. אין איינעם אַ פרימאָרגן, פאַר שבועות, איז צאָך געקומען צו פאָרן אויף זיַן קאַלעמאַשקע און געהייסן ווינצענטין אַראָפּרופן דעם ייִדן אויף אַ קורצן שמועס.

דער בעל־הבית מיט זיַן לאָקאַטאָר, דער געוועזענער פּרעזידענט פון אַ ייִדישער מדינה, וואָס ער האָט זי פינאַנצירט פון זיַן אייגענער קעשענע, און איז דערביַ געבליבן אין איין העמד, זענען געשטאַנען לעבן טויער פון הויז נומער צוועלף אויף דיַטשע גאַס. צאָך האָט געפרעגט וואָס איז מכּוח דירה־געלט. דער ייִד האָט אָנגעהויבן שטאַמלען, זיך פאַרענטפערן, און צאָך האָט אַלץ אויסגעהערט. דעם ייִדנס רייד האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט פון

אים ווי טראָפּנס וואַסער פון אַ גאַנדז. צום סוף האָט דער ייִד מיט אַ פאַרשטיקט קול אַרויסגעשעפּטשעט:

— גלייבט מיר, פּאַניע צאַך, איך האָב דאָס געלט ניט פאַרטרונקען. עמעץ האָט מיך אונטערגעפירט, געפעלשט מײַן ייִדיש געלט. אַ מאָל וועט זײַן אַ מדינה, וועט זי די עוולה ניט פאַרגעסן...

צאַך האָט אָנגעקוקט זײַן לאָקאַטאָר, ווי ער וואָלט אים געזען צום ערשטן מאָל. עס וועט אַ מאָל זײַן אַ ייִדישע מדינה... דער ייִד האָט עס געזאָגט מיט אַזאַ זיכערקײט... אפשר?

און צאַך, וואָס וואָלט גענומען דירה־געלט אויך בײַ די שפּערלען אויפן דאַך, האָט זיך פּלוצעם ברייט צעשמייכלט און געזאָגט:

— גייט און טראָגט מיר אַראָפּ אײַערע "שקלים", וויפל איר האָט. איך וועל זיי אָננעמען פאַר דירה־געלט ביז... די שוועסטער וועט אײַך שיקן.

דער ייִד האָט אַראָפּגעטראָגן צאָבן אַ פּעקל וואַלוטע און דער סטרוזש האָט זײַנע אויגן ניט געגלייבט, ווען ער האָט געזען ווי דער בעל־הבית לייגט אַרײַן די קאָלירטע פּאַפּירלעך אין די קעשענעס, זעצט זיך אַרײַן אין דער קאַלעמאַשקע און מיט אַ מונטערן וויאָ יאָגט ער פונאַנדער דעם פּאָני, דעם קאַרליק, איבער גאַנץ דייטשע־גאַס. צאַך האָט געשוועבט איבער די ווילנער גאַסן צו אַ ווײַטער, ווייטער סטאַנציע, ווו ייִדיש געלט וועט האָבן אַ תיקון. נאָר ער איז צו דער סטאַנציע ניט דערפאָרן. זײַן הויז האָבן די דײַטשן אָפּגעמעקט פון דער ערד, צוזאַמען מיטן שולהויף. ער אַליין, און דער ייִד פון ייִדיש געלט, זענען אַוועק צום אומקום אויף פּאָנאַר, מיט אַלע ייִדישע שכנים.

בלויז דער שקל האָט איבערגעלעבט. געקומען צו אַ ברעג ווײַט, ווײַט פון ווילנע, אין דער ייִדישער מדינה, וועגן וועלכער דער ייִד פון ייִדיש געלט האָט אַזוי געחלומט.

# ייִחוס
# פֿון
# דער ווילנער אונטערוועלט

# יִחוס
# פון
# דער ווילנער אונטערוועלט

ווען מ׳האָט אוועקגעהרגעט מישקע נאַפּאָלעאָן, האָט גאַנץ ווילנע באַדויערט. ער איז געווען דער לעצטער פון דער דינאַסטיע און דער שטאָלץ פון גיטקע טויבעס זאַווּליק, מיט אַ שטיק יאַטקעווער־גאַס. מישקע איז געווען אַ קענטלעכער, ניט ווי דער פראַנצייזישער נאַפּאָלעאָן, וואָס איז געווען אַ קליינער אין וווקס. ער, מישקע, איז אויסגעוואַקסן אין דער לענג, אָבער פּאָרט אַ נאַפּאָלעאָן...

זעליק בעל־טובהס יינגערער זון, חיימקע, האָט זיך ניט גערעכנט מיטן יִחוס און אַוועקגעהרגעט מישקען. אמת, זעליק האָט געהאַט צו מישקען גערעכטע טענות, אַז צו אים אין קנייפּע אויף גלעזער־גאַס קומט ער עסן קישקע און צו אָרקען דער הונדערטער, דעם בלוטיקן שונא, גייט ער פּאַרטרינקען מיט בראַנפן. דאָס איז אָבער נאָר געווען אַן אויסרייד. צוליב דעם האָט מען אין ווילנע ניט איבערגעשניטן אַ מענטשן דעם גאָרגל. זעליק האָט זיך געטראָקעט אויף מישקען, אַז ער טראָגט איבער צו אָרקען דער הונדערטער די סודות פון לינקע מיסחרים, כּדי צו שפּילן דאָרטן דעם גרויסן צעלייגער און טרינקען בראַנפן אומזיסט. אַ קנײַפּע האָט אָפענע אויגן. אַחוץ דעם האָט מען מישקען געהאַלטן פאַר אַן אייגענעם, זיך באַדינט מיט אים אין אַ שליחות, אַרײַנגענומען פאַר אַ שותּף אין אַ שמוכל. זעליק בעל־טובה האָט מישקען צוגעטוליעט, נאָר קיין דאַנק האָט ער דערפאַר ניט באַקומען. מישקע האָט געדאַרפט אַ סך — איז ער געלאָפן פון איין שײַקע צו דער אַנדערער. ער האָט געמוזט

אָנהאַלטן דעם יִחוס, פּאָרט אַ נאַפּאָלעאָן. ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן פון דער נאָדל, געשפּילט גרויס ביליאַרד און געטרונקען בראַנפן מיט אַ ראַזמאַך.

יעדער מאָל ווען גוטע־ברידער האָבן דערציילט זעליקן אַז מישקע הוליעט בײַ אָרקע דער הונדערטער, איז ער געוואָרן צעקאָכט און צעבראָטן. ווי נאָך, אַז אַ גרויסער משא־מתן איז קאַליע געוואָרן, ווײַל אָרקע דער הונדערטער האָט דאָרטן ארײַנגערוקט אַ האַנט און בלויז מישקע, פון אַלע זעטיקע, האָט געוווּסט פון דעם געשעפט. האָט זעליק באַשלאָסן, אַז איין מאָל פאַר אַלע מאָל לאָזט ער מישקע נאַפּאָלעאָן ניט מער אַריבער די שוועל, און טאָמער קומט ער, וועט ער אים אונטערהאַקן די פיס. אָבער אָפּמעקן אים, קאָלט מאַכן, איז זעליקן ניט געקומען אויפן זינען. זעליק בעל־טובה האָט געהאַט זײַן אייגענעם יִחוס, וואָס ער האָט זיך זייער געסטאַרעט אים אָפּצוהיטן. ניט אומזיסט איז ער געווען גבאי־ראשון אין דער שול פון דער לוקישקער תפיסה.

חיימקע, זעליקס יִונגערער זון, האָט אָבער ניט געוואָלט אַדורכלאָזן די אָבידע. ער האָט געוואָלט באַווײַזן אין ווילנע ווער עס פירט די שטאָט. דורך מישקע נאַפּאָלעאָן האָט ער געוואָלט אָנלערנען אָרקע דער הונדערטערס פּאַראַפּיע. האָט ער פאַרנאַרט מישקען אויף פּאָשפּיעשק, הינטער ווילנע, מכּלומרשט אויף אַ שנאַפּס מיט אַ שיקסע צום פאַרבײַסן. אין אָגינסקיס פּאַרק, האַרט לעבן דעם טײַך ווילִיע, האָט ער אים איבערגעשניטן דעם גאָרגל און אַרײַנגעוואָרפן אין וואַסער. ער האָט געטראַכט אַז דער שטראָם וועט אים פאַרשלעפּן אַראָפּ, נענטער צו דער שטאָט, און אַלע שפּורן וועלן זיך פאַרווישן. איז אָבער דער עלעגאַנטער מישקע נאַפּאָלעאָן געקומען צו דער באַגעגעניש אין אַ געבלימלטן קראַוואַט, באָטש ס'איז געווען זומער און די צעגרינטע ביימער אויף די ווילנער גאַסן האָבן געזאָגט עדות אויף דעם.

האָט מישקעס געבלימלטער קראַוואַט צו נישט געמאַכט

חיימקעס חשבונות. מישקע איז טאַקע געשווומען פון פּאָשפּיעשק אַראָפּ דעם שטראָם, אָבער בלויז ביז צו דער גרינער בריק. דאָרטן האָט זיך דער קראַוואַט פאַרטשעפּעט אין די שטעבלדראָטן פון אַ פּליט בײַם טײַך און אויף מאָרגן האָט מען געפונען מישקען אין זײַן גאַנצער לענג אונטער דער בריק וואָס האָט פאַראייניקט די שטאָט מיט שניפּעשיק. ווען ער דערשווימט אַ ביסל ווײַטער, ביז צו די ציגעלניעס, וואָלטן אפשר די שפּורן דערטרונקען געוואָרן אין די ווילי̇ע־וואַסערן און חיימקע וואָלט ניט אַוועק אין תּפיסה. אַזוי אָבער האָט דער קאָמיסאַר ראָווינסקי, וואָס האָט געקענט די ווילנער בלאַטע ווי זײַנע צען פינגער, זיך דאַבוּוועט אויף צוריק ביז דער שיקסע אויף פּאָשפּיעשק, וואָס חיימקע האָט געגעבן מישקען אין נדן אַרײַן נאָכן בראַנפן, און שוין בײַם ערשטן טרייסל האָט זי אויסגעזונגען מיט ווען זי האָט פאַרבראַכט.

דעמאָלט האָט ווילנע זיך דערמאָנט פון דאָס נײַ דעם יִיחוס פון מישקע נאַפּאָלעאָן. ער האָט דאָך געשטאַמט פון לייבע דעם פאַסער, וואָס האָט געהאַלטן בײַ זיך דעם אמתן נאַפּאָלעאָן, ווען יענער איז געלאָפן צוריק פון דער פאַרברענטער מאָסקווע, אין יאָר טויזנט אַכט הונדערט צוועלף.

לייבע דער פאַסער, וואָס האָט דעמאָלט געהאַט אַן אײַנפאָרהויז אַרויף שניפּעשיק, האַרט לעבן דער ראָגאַטקע, איז געווען אַ לייבלעכער עלטער־עלטערזיידע פון מישקע נאַפּאָלעאָן. קודם איז לייבע געווען אַ שינדל־טרעגער און האָט געלייגט דעכער בײַם גראַף הוּוואַלד, אויף זײַן גוט לעבן מעשעגאָלע, ניט ווײַט פון ווילנע. בײַם גראַף הוּוואַלד האָט זיך געהאַט פאַרקליבן אַ פראַנצייזישער עמיגראַנט, מעסיע דוּוואַל, אַן אַנטלאָפענער פון דער פראַנצייזישער רעוואָלוציע. אָט דער ווערגעלעך איז געוואָרן בײַם גראַף הוּוואַלד אין פּאַלאַץ אַ גאַנצער מאַכער. דינערשאַפט האָט זיך געשושקעט, אַז ער שלאָפט אונטער מיט דער גראַפיניע.

אָט דער דוּוואַל האָט געגנבעט אויף רעכטס און אויף לינקס,

דער עיקר זילבערוואַרג. כּדי אָפּצוזעצן די געגנבעטע סחורה, האָט ער זיך אויף אַזוי ווײַט פֿאַרחברט מיט לייבען, אַז לייבע האָט זיך בײַ אים אַפֿילו אויסגעלערנט ריידן פֿראַנצייזיש. אַז ער האָט ניט געהאַט וואָס צו גנבענען, איז דוואַל געזעסן בײַ דער גראַפֿיניע און איר געלייענט פֿראַנצייזישע צײַטונגען און זשורנאַלן. סוף כּל סוף איז ער ניט געווען קיין פּראָסטער פּויער.

לייבע האָט די געגנבעטע סחורה אָפּגעזעצט אין שטאָט, און אויף אַזאַ אופֿן איז ער געוואָרן אַ פֿאַסער. אַלע גנבים אין ווילנע האָבן אים פֿאַרטרויט זייער פֿאַנג. מיט דער צײַט האָט זיך לייבע אַרויפֿגעאַרבעט און געעפֿנט אַן אײַנפֿאָרהויז. ער האָט שוין ניט געלייגט מער קיין שינדלען בײַם גראַף הוואַלד, אָבער זײַן פֿרײַנדשאַפֿט מיטן פֿראַנצויז האָט זיך געצויגן ביז יענער האָט צוגעמאַכט די אויגן. קורץ פֿאַר זײַן טויט , האָט נאָך דוואַל איבערגעלייענט פֿאַר לייבען אַ ידיעה פֿון אַ פֿראַנצייזישער צײַטונג, אַז בעת זײַן קאָמפּאַניע אין ארץ ישראל, האָט נאַפּאָלעאָן אַרויסגעגעבן אַ מאַניפֿעסט, מע זאָל די ייִדן צוריקגעבן זייער לאַנד. ווען לייבע האָט דאָס דערהערט, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן די צײַטונג און איז אַוועק צו רב אברהם דאַנציג, דער בעל חיי אדם, וואָס איז צו יענער צײַט געווען דיין אין ווילנע.

ר׳ אברהם דאַנציג, וואָס איז געקומען קיין ווילנע פֿון דער גרויסער וועלט, האָט געקענט לשונות און דערצו געווען אַ גרויסער תלמיד חכם. האָט ער איבערגעלייענט די ידיעה און שטיל אַ זאָג געטאָן:

— ס׳קאָן גרײַלעך זײַן... אפשר, ניט איצט, אָבער ס׳וועט אַוודאי קומען אַ צײַט ווען מיר וועלן צוריק האָבן אונדזער מלכות...

דער דיין איז שטאַרק נתפּעל געוואָרן וואָס אַזאַ ווי לייבע איז געקומען צו לויפֿן אים אָנזאָגן די בשורה וועגן נאַפּאָלעאָנס מאַניפֿעסט. לייבע איז בײַ אים ממש געוואָרן אַן אייגענער מענטש. ער האָט בײַ אים געבעטן הילף ווען ס׳איז געשען עפּעס אַן עוולה,

ווען מ'האָט באַגנבעט אַן אַלמנה, צי מ'האָט סתם אָפּגעטאָן אַ גזלעוויסטווע. אויף שניפּעשיק האָט מען לייבע דעם פּאַסער אָנגעהויבן אָפּגעבן אַ ברייטן גוט מאָרגן. זיינס אַ וואָרט האָט געקראָגן וואָג. ניט מיט אַבי וועמען האָט זיך ר׳ אברהם דאַנציג געחברט.

דער עיקר איז אָבער לייבעס אָנזען געשטיגן שפּעטער, ווען נאַפּאָלעאָן איז איַנגעשטאַנען אין זיַן אַטנפּאַרהויז. ס'זענען געשטאַנען גרויסע פּרעסט ווען נאַפּאָלעאָן האָט זיך אומגעקערט פון מאָסקווע אַ צעקלאַפּטער. ער, דער אימפּעראַטאָר, איז אויך געווען קו'אַנק, דער פּענכער איז געווען ביַ אים אָפּגעשוואַבט, די מערידן האָבן אים געפּיַניקט. פון דעם געמיינעם עסן האָט ער געהאַט אַ גרימעניש אין בויך. ער איז אַריַנגעפאלן צו לייבען דעם פּאַסער אין גאַנצן אַ פּאַרקאַלייעטער.

לייבע האָט אים באַלד דערקענט, דעם אימפּעראַטאָר. ער האָט אים געזען אין זומער, ווען ער איז אַריַן מיט זיַן אַרמיי אין ווילנע, אויפן וועג קיין מאָסקווע. די שטאָט איז אים דעמאָלט זייער געפעלן געוואָרן, דער עיקר דער קלויסטער פון דער הייליקער אַנאַ, וואָס האָט זיך אַרויסגעהויבן איבערן טיַכל ווילענקע. ער האָט דעמאָלט געזאָגט צו זיַן סוויטע, אַז ער וואָלט גרייט געווען דעם דאָזיקן קלויסטער אַריבערצוטראָגן אויף זיַנע אייגענע אַקסלען קיין פּאַריז. איצט, נאָך דער מפּלה, איז אים דער קאָפּ שוין ניט געווען ביַ די שיינקיַטן פון ווילנע. ער האָט בלויז געוואָלט אַ ווייך געלעגער און אַ הייסע גלאָז טיי.

קיינער האָט ניט געטאָרט וויסן אַז נאַפּאָלעאָן געפינט זיך אין שטאָט, וואָרעם קאָזאַקן־אָפּטיילונגען, וואָס האָבן זיך געיאָגט נאָך דער אָפּטרעטנדיקער פראַנצייזישער אַרמיי זענען שוין דערגאַנגען ביז ווילנע. האָט לייבע צעוואָרפן דעם אימפּעראַטאָרס הוסאַרן איבער עטלעכע שכנותדיקע שטיבער. נאַפּאָלעאָן אַליין איז פּאַרבליבן ביַ אים. אַחוץ עטלעכע ידידים, האָט קיינער ניט

געוווּסט אַז בײַ לייבען אין אַלקער ליגט דער פראַנצייזישער אימפעראַטאָר מיט אַ טשעפּיק אויפן קאָפּ און אַ וואַרעמפלאַש בײַם בויך. דעם דיין, ר׳ אברהם דאַנציג, האָט לייבע דווקא געוואָלט איבעררײדן, ער זאָל זיך מטריח זײַן צו נאַפּאָלעאָן און אים דערמאָנען וועגן יענעם מאַניפעסט פאַר אַ יידישער מדינה, נאָר ר׳ אברהם האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין אַז דאָס זענען שוין קאַלטע לאָקשן. דער קייסער האָט פאַרלוירן זײַן טראָן און האָט שוין דער וועלט מער גאָרניט וואָס צו זאָגן.

לייבעס ווײַב האָט געראַטעוועט דעם אימפעראַטאָר. זי האָט אים געקאָכט הינערשע זופּ און אים געגעבן אַ געטראַנק פון קרײַטעכצער צום פּענכער. זי האָט אים אויך געבראַכט אַ זאַלב צו די מערידן. אין די עטלעכע טעג וואָס ער איז געווען בײַ לייבען דעם פּאַסער, האָט ער זיך געשטאַרקט און געקומען צו זיך. צום סוף האָט נאַפּאָלעאָן זיך פרײַנדלעך געזעגנט און איבערגעלאָזט לייבען אַ מתנה אַ גאָלדענעם זייגער. ער האָט אים אויך צוגעזאָגט, אַז ווי נאָר ער וועט פאַרפעסטיקן צוריק זײַן טראָן, וועט ער אים, לייבען, מאַכן פאַר אַ מאַרקיז און אים שענקען אַ גוט אין דרום-פראַנקרייך.

שפּעטער האָבן זיך די יורשים געריסן איבער דעם גאָלדענעם זייגער, ביז ער איז נעלם געוואָרן אין אַ טיפער קעשענע פון אַ ווײַטן קרוב, אַ ניט־היגער מאַרעוויכער. אַזוי האָט לייבע געקראָגן דעם צונאָמען ״נאַפּאָלעאָן״, און אַ בלאַסער אָפּשײַן פון אָט דעם נאָמען איז געפאַלן אויך אויף מישקען, וואָס חיימקע, זעליק בעל טובהס זון, האָט אים געפּטרט. דעריבער, מחמת דעם דאָזיקן יִחוס, איז טאַקע זעליק געווען אַזוי אויפגעבראַכט אויף דער רציחה. אויפגעקאָכט איז אויך געווען דער ברודער־פאַראיין די ״גאָלדענע פּאָן״, ווו זעליק בעל טובה איז געווען פאָרזיצער. בײַ איצקע דעם געלן אין קנײַפּע, ווו מע פלעגט זיך טרעפן, האָט טאָווּשע דער מלאך געשריען:

– ווילנע איז ניט טשיקאַגע!

דער כעס בײַ די ייִנגערע גוטע ברידער איז געווען נאָך גרעסער, ווײַל מישקע נאַפּאָלעאָן האָט געהאַט זײַן אייגענעם ייִחוס און ניט געדאַרפט אָנקומען צו זײַן עלטערע עלטערזיידן לייבע פון שניפּעשיק. מישקע האָט געקאָנט האַלטן אַ פּען אין האַנט, געשריבן פאַר אַלעמען פּאַדאַניעס אין געריכט אין אַ שיינעם פּויליש: אַלע פּרײַטיק האָט מען אים געקאָנט זען אין דער ביבליאָטעק "מפיצי השכּלה" אויף זאַוואַלנע גאַס, ווו ער האָט זיך באַזאָרגט מיט אַ בוך אויף שבּת. בײַם ביליאַרד האָט ער זיך געפירט באַלעבאַטיש. אַ שוואַכערן פּאַרטנער געגעבן פאָר עטלעכע באַלן: ער האָט געהאַלטן שטאַט, ניט אַרײַנגעלאָזט זיך מיט סתּם מיידלעך, שלומפּערקעס. אויך זײַן רעגולאַרנער הילוך האָט געהאַט וואָס צו זאָגן.

אַלע אין פאַראיין האָבן געוווּסט, אַז זעליק וועט ניט גיין אויף קיין מערדערײַען. מ'האָט ניט פאַרגעסן די מעשה מיט לייבאָוויטשעס ייִנגל, וואָס בלאַטע האָבן פאַרכאַפּט, כּדי צו באַקומען אויסלייזגעלט. לייבאָוויטש פון דער גאַרבאַרניע איז געווען אַ ייִד אַ גביר. אָבער זעליק בעל טובה האָט זיך אַרײַנגעמישט און באַפוילן מע זאָל אָפּגעבן דעם ייִנגל אָן אַ גראָשן. דער גאַנצער ענין איז געווען צו האַמעטנע, ניט פאַר ווילנע.

דערווײַלע איז זעליק געלאָפן צום קאָמיסאַר ראָווינסקי, ער זאָל געפינען פאַר חיימקען – חלילה ניט אומזיסט – עפּעס אַ גרינגערן פּאַראַגראַף. מע זאָל, למשל, אַרײַנשרײַבן אין פּראָטאָקאָל, אַז די רציחה איז אַרויס פון אַ שיכּורער דראַקע איבער דער שיקסע. ראָווינסקי האָט אָבער מורא געהאַט, ווײַל די זאַך איז שוין אַוועק צו ווײַט.

ווען פּילסודסקי לעבט – האָט זעליק געטראַכט – וואָלט ער אַלץ געקאָנט אויספירן. פּילסודסקי, דער גרינדער פון דער

פּוילישער רעפּובליק, איז אָבער שוין געלעגן צוויי יאָר אין דר׳ערד. זעליק אין געווען זייער באַפרײַנדעט מיטן מאַרשאַל יוזעף פּילסודסקי. אין משך פון יאָרן האָט זיך זעליק בעל טובה אַרויסגעדרייט, מיט דער הילף פון פּילסודסקין, פון צענדליקער פּראָצעסן, וואָס האָבן געשמעקט מיט תּפיסה. דער מאַרשאַל פלעגט אָנשרײַבן אַ פּאָר ווערטער צו דער פּראָקוראַטור און דער ענין איז געווען דערליידיקט. מ׳האָט זעליקן גוט געקענט אין שלאָס בעלוועדער, פּילסודסקיס וואַרשעווער רעזידענץ. ער איז דאָרטן געווען אַן אָפטער אײַנגייער. צרות האָבן ניט געפעלט: אַ צרה מיט געשמוכלטן טאַבאַק. אַ צרה מיט אָפּגעריסענע שלעסער פון זאַלקינדס גאָלדגעשעפט. די פּאָליציי האָט געטרענט די אָדערן און זעליק האָט געדאַרפט אָנקומען צו פּילסודסקיס הילף.

יוזעף פּילסודסקי איז שולדיק געווען אַ חוב זעליקן בעל טובה. דער חוב האָט געשטאַמט פון די יאָרן ווען פּוילן איז נאָך ניט געווען פּוילן און פּילסודסקי האָט געפּלאַנעוועט צו אָרגאַניזירן לעגיאָנען, וואָס זאָלן אין אַ געהעריקן מאָמענט אויפשטיין קעגן דעם צאַר און צוריק געווינען די פּוילישע אומאָפּהענגיקייט. דערצו האָט מען געדאַרפט געלט צו קויפן געווער, אַמוניציע, מונדירן. ער האָט זיך געהאַט פאַרבונדן מיט געווער־סוחרים פון גאַנץ אייראָפּע. יענע זענען געווען גרייט צוצושטעלן די לינקע סחורה תּיכף ומיד — אַבי געלט. אָבער קײַן געלט האָט פּילסודסקי ניט געהאַט.

פּלוצעם האָט זיך פּילסודסקי דערוווּסט, אַז דורך דער קליינער באַנסטאַנציע בעזדאַן, לעבן ווילנע, פאָרט פאַרבײַ צוויי מאָל אַ וואָך אַ צוג פון וואַרשע, וואָס אַחוץ פּאַסאַזשירן, פירט ער אויך זעק מיט געלט קײַן פּעטערבורג. האָט ער באַשלאָסן, מיט דער הילף פון זײַנע חברים, צו באַרויבן אָט דעם צוג. מ׳האָט דאָס געדאַרפט טאָן זומערצײַט, ווען די וועגן זענען טרוקן און מע קאָן אַנטלויפן מיט פערד אין וואַלד, וואָס ציט זיך פּאַזע די באַנרעלסן.

פילסודסקי איז געווען אַ געבוירענער אין די קאַנטן און האָט גוט געקענט די גאַנצע געגנט.

די צרה איז אָבער געווען, וואָס אַלע זײַנע געהילפֿן, סטודענטן פֿון בעסערע, אינטעלעקטועלע משפּחות, האָבן ניט געטויגט צו דער מלאכה פֿון באַרויבן פּאָסטוואַגאָנען, באַוואַכטע פֿון רוסישע זשאַנדאַרן. האָט ער זיך געמוזט ווענדן צו עמעצן פֿון דער בראַנזשע. האָט מען אים אין ווילנע אָנגעוויזן אויף זעליק בעל טובֿה, וואָס איז דעמאָלט געווען יונג און שטאַרק, דער ראש פֿון די שטאַרקע אין ווילנע. פּילסודסקי האָט אים פֿאַרטרויט זײַן פּלאַן וועגן בעזדאַן און אים פֿאָרגעלייגט ער זאָל צולייגן זײַן געניטע האַנט צו דעם געשעפֿט.

זעליק האָט מסכּים געווען צוצולייגן אַ האַנט — ניט ווײַל ער איז געווען פֿאַרמישט אין פּאָליטיק, נאָר דער עיקר ווײַל ס׳האָט אים געבערענט דאָס האַרץ, וואָס די צאַרישע מאַכט האָט אויפֿגעהאַנגען הירשקע לעקערט, פֿאַרן אַטענטאַט אויפֿן ווילנער גענעראַל־גובערנאַטאָר פֿאָן וואַל. פֿון זינט יענעם אַטענטאַט זענען טאַקע פֿאַרבײַ אַן ערך זעקס יאָר, אָבער דער ווילן צו נעמען נקמה איז נאָך בײַ ווילנער יונגע לײַט ניט פֿאַרלאָשן געוואָרן.

בײַ איטלעכן פּראָצעס קעגן זעליק בעל טובֿה, האָט פּילסודסקי געשריבן אין זײַן בקשה צו די ריכטערס, אַז דער געמישפּטער האָט גרויסע פֿאַרדינסטן פֿאַר דער פּוילישער רעפּובליק און דער פּוילישער אַרמיי.

ער איז געווען גערעכט. בעת יענעם אָנפֿאַל אויף דער באַנסטאַנציע בעזדאַן האָט ער אים פּשוט געראַטעוועט פֿון טויט. ווען פּילסודסקי איז אַרויס פֿון פּאָסטוואַגאָן מיט אַ זאַק געלט, האָבן אים צוויי באַוואָפֿנטע זשאַנדאַרן פֿאַרשטעלט דעם וועג. אויף דער סטאַנציע איז געוואָרן אַ מהומה. פֿון אַלע זײַטן זענען געפֿלויגן קוילן. ניט געקוקט אויף דער סכּנה, האָט זעליק זיך אַ וואָרף געטאָן מיט אַ שטאַבע אײַזן אויף די צוויי זשאַנדאַרן און זיי

אַוועקגעלייגט. דערבײַ האָט ער אַרויסגעכאַפּט פֿון פּילסודסקין דעם שווערן זאַק מיט געלט און געשריען:

— אַנטלויף, פּלאַבט, צי אַפּ!

פּילסודסקי, וואָס האָט פֿאַרשטאַנען אַ ביסל ייִדיש, האָט לאַנג ניט געוואַרט. ער איז גלײַך אַנטלאָפֿן צו דעם אָפּגערעדטן אָרט, וווּ ס׳איז שוין געשטאַנען גרייט אַ פֿערד און וואָגן.

ווען פּילסודסקי לעבט — האָט זעליק געטראַכט — וואָלט ער אַלץ געקענט אויספֿירן. נאָר אַזוי ווי פּילסודסקי איז שוין געלעגן צוויי יאָר אין דר׳ערד, איז ער אַצינד געשטאַנען אָן הילף פֿאַר זײַן זון חיימקע, וואָס האָט אַוועקגעהרגעט מישקע נאַפּאָלעאָן. האָט מען טאַקע חיימקען פֿאַרמישפּט אויף אייביקער תּפֿיסה און ער איז געזעסן אין ווילנע, אין דער לוקישקער טורמע. לאַנג איז ער אָבער דאָרטן ניט געזעסן.

אין יאָר 1939, ווען די דייטשן זענען אָנגעפֿאַלן אויף פּוילן, איז חיימקע אַנטלאָפֿן פֿון טורמע און זיך פֿאַרקליבן קיין ביאַליסטאָק, צו די סאָוועטן. דאָרטן האָט ער געאַרבעט אין בוינע ווי אַ שינדער, און דערבײַ פֿון מאָל צו מאָל אַרויסגעטראָגן עטלעכע פֿעלן אויפֿן שוואַרצן מאַרק. אין 1941, ווען די דײַטשן זענען אָנגעפֿאַלן אויף רוסלאַנד, איז חיימקע מאָביליזירט געוואָרן אין דער רויטער אַרמיי. בעת דער מלחמה האָט ער באַקומען די גרעסטע אויסצייכענונגען און איז דערגאַנגען צו דער ראַנגע פֿון אַ קאַפּיטאַן. נאָך דער מלחמה איז ער אַוועק קיין אַמעריקע און זיך דאָרטן שיין אַרויפֿגעאַרבעט, ניט חלילה פֿון בלאַטע געשעפֿטן, נאָר פֿון האַנדל מיט אַלט אײַזן פֿאַר שמעלץ. די קינדער זײַנע האָבן אויסשטודירט אויף דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן, און ער אַליין, חיימקע, זעליק בעל טובהס זון, זאַמלט געלט פֿאַר מדינת ישראל.

★

ווו אויף דער וועלט איז נאָך פֿאַראַן אַן אונטערוועלט מיט אַזאַ ייִחוס ווי ס׳איז געווען אין ווילנע? ניטאָ אַזעלכע ווי לייבע

נאַפּאָלעאָן, זעליק בעל טובה, אָרקע דער הונדערטער. ניטאָ. אויך אַזאַ ווי מישקע נאַפּאָלעאָן איז ניטאָ. זײַן פּאָסטאַווע שטייט מיר ביז הײַנט פֿאַר די אויגן.

דאָס איז געווען אַ באַזונדערע וועלט פֿון דער ווילנער אונטערוועלט...

טאַמאַרע
די
הויכע

# טאַמאַרע
# די
# הויכע

די צרות האָבן זיך אָנגעהויבן בײַ בערטען די לוכטע. זי האָט געהאַט אַ הײַזל אויף יאַטקעווער גאַס. ס׳איז געווען אַן אײַנגעפּירט אָרט. דאָס געשעפֿט איז געגאַנגען מקנא צו זײַן. דאָרט איז געווען תּמיד פֿול, צוליב טאַמאַרען. ווילנער בחורים האָבן זיך געקלעפּט צו איר. פּרײַטיק־צו נאַכט האָט יענע ניט געהאַט קיין פֿרײַע מינוט.

איז, אָבער, בערטע געווען זייער זשעדנע. געוואָלט אַרײַנכאַפּן די וועלט. האָט זי אָנגעהויבן שרײַען אויף טאַמאַרען, מאַכן איר דעם טויט. דאָ רעדט זי צו פֿיל, דאָ לאַכט זי ווען מען דאַרף ניט, און לאָזט אַרויס געסט. וואָלט, טאַמאַרע פֿאַרשלונגען די אַבידעס, ווײַל פֿאָרט איז בײַ בערטען אין הײַזל געווען ווייך און וואַרעם, האָט אָבער בערטע אָפּגעטאָן אין איינעם אַ פּרײַטיק־צו נאַכט אַ זאַך, וואָס דאָס איז שוין געווען איבער דער גאַל. אַזוי פֿיל, אַז טאַמאַרע האָט איבערגעוואַרט דעם שבת און גלײַך אויף מאָרגן גענומען איר קופֿערל, אײַנגעפּאַקט די פּאָר קליידלעך מיט אַלע פֿאָרזעצונגען פֿון דעם ראָמאַן ״רעגינע די שפּיאָנקע״, וואָס זי פֿלעגט קויפֿן יעדן פֿרײַטיק, און אַוועק פֿון בערטען.

מיידלעך פֿון פֿאַך האָבן געעצהט טאַמאַרען ניט אַוועק צו גיין. מען האָט שוין ניט איין אַבידע אַראָפּגעשלונגען פֿון די באַלעבאָסטעס. אָבער טאַמאַרע די הויכע האָט געהאַט איר אייגענעם האָנאָר, כאָטש קיין גרויסע דאַמע איז זי אין ווילנע ניט געווען. אין וואָלאָקומפּיע, דער שיינער געגנט הינטער ווילנע, איז זי אויף דאַטשע ניט געפֿאָרן, און בײַ דעם ״גרינעם שטראַל״ אין

קאַפּע איז זי ניט געזעסן.

טאָ פאַרוואָס, טאַקע, איז טאַמאַרע אַוועק פון בערטען? די זאַך איז געווען אַזוי.

פרײַטיק־צו־נאַכט האָבן זיך נוהג געווען צו באַזוכן טאַמאַרען אַלע שטענדיקע קאַוואַליערן, ווי איצקע דער האָז, זרחקע דער בעזאוך, סענדער דער זאַיִקע פון יידישע גאַס, מענדל דער פּאָזשאַרניק און נאָך און נאָך. אַלע פלעגן זיך אויסזעצן אויף אַ באַנק אין פירהויז און וואַרטן אויף זייער ריי. אַרומגעוואַשענע, אָפּגעראַזירטע, מיט ריינע העמדער, ווי עס פירט זיך לכּבוד שבת. צווישן זיי האָט זיך אויסגעטיילט הערשעלע דער טרעגער, דער קאַרליק, וואָס זײַנע פּיס זענען נישט דערגאַנגען ביז צו דער פּאָדלאָגע. טאַמאַרע האָט אים תּמיד באַזונדער געליובעט, ווײַל ער האָט זיך ניט צוגעבאַפּט צו איר ווי צו דעם קוגל פון טשאָלנט. ער האָט איר קיין מאָל ניט פאַרטשעפּעט מיט אַ האַדקן וואָרט. ער האָט אויך געהאַט שיינע מאַניערן, אַפילו געהאַט שכל צו ברענגען אַ מאָל אַ זעקעלע צוקערקעס.

אַ מאַנצביל איז ער געווען, וואָס ווײַבער הרגענען זיך פאַר אַזאַ. לויט זײַנע כּוחות האָט ער געדאַרפט בלײַבן איבער נאַכט, אָבער יענער האָט קוים געהאַט צו באַצאָלן פאַר איין באַזוך. איז ער געלעגן נאָך דעם מיט איר, די קורצע פּיס אויסגעצויגן ביז אירע קנעכלעך און געבעטן:

— טאַמאַרינקע, לאָמיר ליגן נאָך אַ רגע לעבן דיר. איך וויל שפּירן דעם טעם פון אַ חתונה־געהאַטן...

האָט טאַמאַרע קיין וואָרט ניט איבערגערעדט און אויסגענוצט הערשעלעס חלום אויף אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם מיט א קאָלטער גלאָז טיי, וואָס זי האָט זיך געהאַט צוגעגרייט און ניט געקאָנט דערגיין צו דעם אַ גאַנצן אָוונט.

בערטע האָט דערזען ווי עטלעכע בחורים שטייען אויף פון באַנק און ווילן אַוועקגיין. זי האָט אויך געהערט ווי סענדער דער

זאַיקע עצהט, מען זאָל אַריבער צו אסתּרקען מיט די ברילן. יענע האָט געהאַט אַ הײַזל אויף זאַוואַלנע גאַס, לעבן האָלץ־מאַרק. ער האָט נאָך דערבײַ צוגעזיקעט:

— וואָס וועט מען, מען דאָ זיצן ווי, ווי הינער אויף, אויף די איי..אייער?...

און אַזוי ווי הערשעלע איז געלעגן לעבן טאַמאַרען און זיך געקוויקט מיט דער רגע, האָט בערטע די לוכטע אָנגעהויבן קלאַפּן מיטן פויסט אין דער טיר פון טאַמאַרעס אַלקער, און זיך צעשריִען:

— הערשעלע! אַ שריפה דיר אין... דו ווייסט דאָך ווו?... אַזא ווי דו דאַרף ניט קומען פרײַטיק־צו־נאַכט, נאָר אין דער וואָכן! צעברעכסט מיר דאָס געשעפט!

טאַמאַרע האָט געשלעפּט דאָס קופערל צו דער חברטע, לייקע די שוואַרצע, וועלכע האָט געוווינט אויף שקאַפּלערנע, הינטערן וואָקזאַל. אויפן וועג האָט זיך אַלץ אין איר געבונטעוועט קעגן בערטען. יענע האָט אין גאַנצן פאַרגעסן, אַז אַ מיידל פון דער בראַנזשע איז אויך אַ מענטש מיט האַרץ און געפיל, ווי מען זינגט אין ייִדישן טעאַטער. זי האָט דאָך ניט געאַרבעט בײַ רעדלען מצה, ווו דער אויוון ברענט און מען דאַרף וואָס גיכער פאַררוקן די סחורה. אויף וועמען האָט זי זיך געוואָרפן, די באַנדערשניצע? אויף טעוועלען, דעם סאַמע עלנטן, וואָס האָט ניט געהאַט אין גאַנץ ווילנע צו וועמען זיך צוצוטוליען...

בײַ לייקען האָט טאַמאַרע געהאַט צײַט אַרײַנצוקוקן אין אַ ביכל. פון אַלע אין פאַך איז זי געווען די סאַמע גראַמאָטנע, אַפילו געביטן ביכער אין דער ביבליאָטעק "מפיצי השכלה", וואָס אויף זאַוואַלנע־גאַס. אמת, זי האָט געמוזט אָנקומען צום ביבליאָטעקאַר קראַסני, ער זאָל איר זאָגן וואָס צו לייענען. דורך אים טאַקע איז זי געקומען צו אַ ביכל, אָנגעשריבן דורך איינעם אַ דיומאַ מיט דעם נאָמען "די קאַמעליען־דאַמע". זי האָט געלייענט די מעשה

פאַר איר חברטע, לייקע די שוואַרצע, אוןביידע האָבן זיך גוט אָנגעוווינט, דער עיקר בײַם סוף, ווען די קאָמעליען־דאַמע, וואָס איז גאָרנישט געווען קיין דאַמע, נאָר געגעסן דאָס זעלבע ביטערע שטיקל ברויט פון וואַלגערן זיך אין פרעמדע בעטן, איז אַוועק שטאַרבן. ווען סיאָמקע קאַגאַן, דער רעפּאָרטער פון דער צײַטונג ״ווילנער טאָג״ האָט פאַרטראַכט צו גרינדן אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון די ווילנער גאַסן־מיידלעך, האָט טאַמאַרע די ערשטע גענומען אַ וואָרט. זי האָט דאָס אויפגעהויבן די פראַגע וועגן איבער־שעהען, וואָס די באַנדערס, די באַלעבאַטים פון די הײַזלעך, האָבן ניט געוואָלט אָנערקענען. פון דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין איז גאָרניט געוואָרן, ווי פון אַנדערע סיאָמקעס פּראָיעקטן, אָבער טאַמאַרען זענען פון יענע טעג איבערגעבליבן אויסלענדישע ווערטער ווי עקספּלואַטאַציע, קלאַסן־באַוווסטזײַן און גענעראַל־שטרײַק.

★

טאַמאַרע איז אַוועק פון פאַך. זי האָט געוווינט בײַ לייקען, וואָס האָט געהאַט געדונגען אַ קאַמער אויף שקאַפּלערנע, ווײַטלעך פון שטאָט. לייקע האָט געלעבט דערפון וואָס זי פלעגט ברענגען צו זיך צופעליקע געסט, עלטערע יידן פון ניט־הי. האָט זי געקאָנט אונטערהאַלטן דער חברטע מיט אַ טעלער זופּ און אַ גלאָז טיי. טאַמאַרע האָט זייער געליטן דערפון, געזוכט ווו צו פאַרדינען אַ גראָשן, אָבער קיין גרויסע זיבן זאַכן האָט זיך ניט געמאַכט. בערטע די לובטע האָט זי דווקא גערופן צוריק, אָבער טאַמאַרע האָט געהאַט איר האָנאָר. דער איינציקער מיט וועמען זי האָט זיך געטראָפן, איז געווען הערשעלע דער טרעגער. פלעגט ער זיך טאָקע אָפּשטעלן מיט איר פון צײַט צו צײַט בײַ לייקען, אָבער פון הערשעלען האָט מען געקאָנט האָבן מער ליבשאפט ווי פרנסה.

סיאָמקע קאַגאַן האָט זייער געוואָלט העלפן טאַמאַרען. ער האָט אין איר געזען דעם קרבן פון פאַרשאָלטענעם קאַפּיטאַליזם,

מיט וועלכן ער האָט אַזוי ביטער געקעמפּט אַלע זײַנע יונגע יאָרן, האָט ער ווידער אַ מאָל געפּרוּווט פֿאַרווירקלעכן זײַן פּלאַן וועגן עפֿענען אין ווילנע אַ שול פֿאַר ליבע. וועגן אָט דעם פּראָיעקט האָט ער אָנגעשריבן אַ גרויסן אַרטיקל אין דער צײַטונג, אונטערגעשטראָכן די וויכטיקײַט און דעם כּבוד וואָס אַזאַ שול, די ערשטע אין דער וועלט, וועט ברענגען ווילנע, און אָנגעגעבן אין נדן צוויי הויך־קוואַליפֿיצירטע פּעדאַגאָגן — טאַמאַרע שימעליסקי און לאה ברענער, באַוווּסט אין די פֿאַך־קרײַזן. מיט די נעמען טאַמאַרע די הויכע און לייקע די שוואַרצע. אַזוי האָט זיי באַקענט דעם לייענער סיאָמקע קאַגאַן אין זײַן אַרטיקל.

טאַמאַרע האָט ניט געהאַלטן דערפֿון. מען האָט שוין איין מאָל געפּרוּווט, אַפֿילו באַשטעלט אַ שילד, אָבער פֿון געשעפֿט האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טײַך. סיאָמקע האָט אָבער ניט נאָכגעלאָזט. ער איז אַוועק איבערן שטאָט זוכן לערן־מאַטעריאַל. האָט ער אַזוי לאַנג גענישטערט אין קליינעם פּונקס ביכער־קראָם אויף דײַטשע־גאַס, ביז ער האָט זיך געכאַפּט, אַז דווקא חײַקל לונסקי, דער ביבליאָטעקאַר פֿון סטראַשונס ביבליאָטעק, קאָן אים העלפֿן. איז סיאָמקע אַוועק צו חײַקלען פֿרעגן וואָס יענער קאָן טאָן פֿאַר אים. איז חײַקל לונסקי צוגעגאַנגען צו אַ זײַטיקער שאַפֿע אין דער ביבליאָטעק, און אַרויסגענומען פֿון דאָרטן אַ דין ביכעלע, אַ קונטרס, וווּ עס זענען געווען זייער גענוי פֿאַרשריבן אַלע תּקנות וועגן ריכטיק באַשלאָפֿן אַ ווײַב און וואָס צו טאָן אויף צופֿרידן שטעלן דעם מאַן.

חײַקל לונסקי האָט געגלעט דעם קונטרס, איבערגעדרוקט פֿון אַן אַלטן כּתב־יד, וואָס האָט געדאַרפֿט האָבן אַ גוטע פֿאָר הונדערט יאָר. דער נאָמען פֿון מחבר איז ניט געווען אָנגעגעבן. דער קונטרס האָט געהייסן "אהבה בתענוגים", וואָס אויף פּראָסט יידיש הייסט דאָס: "די ליבע אין פֿאַרגעניגנס".

סיאָמקע האָט גלײַך פֿאָרגעלייגט לונסקין איבערזעצן דעם

קונטרס אויף יידיש. יענער האָט אים מבטל געמאַכט מיט אַ שמייכל אין זײַן גערדיכטער באָרד, און געשעפּטשעט דערבײַ:

— אײַ, סיאָמע, דער לימוד, וואָס דו ווילסט אײַנפירן אין ווילנע, האָבן אונדזערע חכמים געבראַכט פאַר דעם עולם פריִער פון דיר. וועסט מיט דעם ניט אַנטדעקן אַמעריקע...

ס'האָבן ניט געהאָלפן סיאָמקעס אַרגומענטן, אַז די גאַנצע זאַך קאָן זײַן אַזוינס און אַזעלכעס. דאָס וועט מרעיש־עולם זײַן. אַ שול פאַר ליבע אין ווילנע, וואָס באַדינט זיך מיט לערן־מאַטעריאַל פון אָריגינעלע, יידישע מקורות, ממש פון דער רבנישער ליטעראַטור. חײַקל לונסקי, מיט זײַן אײַזערנער געדולד, האָט אויסגעהערט סיאָמקען ביזן סוף און פאַרשטופּט דעם קונטרס צוריק אין דער שאַפע צווישן אַנדערע זעלטענע ספרים.

טאַמאַרע האָט זיך נישט פאַרלאָזט אויף סיאָמקען מיט זײַנע פאַנטאַזיעס, און אָנגעהויבן זוכן וואָס צו טאָן. פריִער האָט זי זיך געוואָלט שטעלן אויפן מאַרק מיט אַ קאָשיק הינערשן דרויב, אָבער די מאַרק־יידענעס האָבן איר ניט צוגעלאָזט. צופיל הענדלערקעס האָבן זיך צעשטעלט מיט זייער סחורה. איז זי אַוועק אין שחיטה־שטיבל פליקן עופות. דאָרטן האָבן די ווײַבער זי יאָ פֿײַן אויפגענומען. ס'האָט לאַנג ניט געדויערט און טאַמאַרע האָט מיטגעבראַכט לייקען די שוואַרצע צו דער אַרבעט. זענען זיי ביידע געזעסן, פאַרזונקען די פיס אין בערג הינערשע און גענדזענע פעדערן, און פון צײַט צו צײַט זיך דערמאָנט די אַמאָליקע יאָרן, ווען פון איין גאַסט האָט מען געהאַט מער ווי פון צען אָפּגעפּליקטע הינער. לייקעס יינגל, עלינקע, וואָס זי האָט געהאַט פון אַ צופעליקן יידן און געטענהט, אַז דאָס איז געווען אליהו הנביא, איז אומגעלאָפן איבער דעם שחיטה־שטיבל און אַלע פליקערקעס האָבן געקליבן נחת פון אים.

איין זאַך האָט סיאָמקע יאָ אויפגעטאָן פאַר טאַמאַרען. ער האָט זי אַרײַנגעצויגן אין אַ קרײַזל, וואָס האָט זיך געזאַמלט

געהיים אין אַן איבער־שטיבל אויף ייִדישע־גאַס, אין ראַמפּעלעס הויף. דאָרטן זענען געזעסן לאַנגע אָוונטן אַ פּאָר הויזן־נייער, עטלעכע שנײַדער־געזעלן, נייטערקעס, אַ הענטשקע־מאַכער, און אַ בחור מיט הונגעריקע אויגן האָט געליבט פּאַר זיי דאָס לעבן אין גרויסן ראַטנפאַרבאַנד, אונטער דער זון פון דער סטאַלינישער קאָנסטיטוציע. אַ לעבן מקנא צו זײַן. אַלע אין קרײַזל האָבן געוווּסט וואָס טאַמאַרע איז פריִער געווען. דער דאַרער בחור האָט זי פאַרגעשטעלט ווי אַ געוועזענעם שקלאַף פון דער בורזשואַזער אָרדנונג.

★

טאַמאַרע די הויכע האָט געפליקט עופות, באַזוכט פון מאָל צו מאָל דעם קרײַזל און זיך געסטאַרעט זײַן צופרידן מיט איר לעבן. ס'איז ניט געווען אַזוי לײַכט. אַ מאָל פלעגט זי אַ צי טאָן אָנטאָן צוריק דאָס רעקל מיטן טיפן שליץ, וואָס דורך אים האָט מען געזען אירע הויכע פיס, אַרויפּצויִען אויף זיך די אָפענע בלוזקע, נעמען אין האַנט דעם לאַקירענעם רידיקול, און זיך אַוועקשטעלן אויף סאַוויטשער־גאַס, לעבן קינאָ "פּיקאַדילי", זשמורען מיט אַן אויג; טאָמער גייט אָבער ווער פאַרבײַ פון די נײַע באַקאַנטע, וואָס וועלן זיי זאָגן? דאָרטן, אין דעם בוידעם־שטיבל אויף ייִדישע גאַס האָט מען זי אויפגענומען ווי זי וואָלט גאָרניט געדינט בײַ בערטען די לוכטע. האָט זי זיך באַנוגנט מיט דעם שחיטה־שטיבל און מיט נעמען אַ ביכל אין דער ביבליאָטעק.

האָט דער ביבליאָטעקאַר קראַסני אונטערגערוקט טאַמאַרען אין אַפּלעניש אַ בינטל דערציילונגען. די זאַמלונג האָט געהייסן "פאָלקסטימלעכע געשיכטן" פון אַ שרײַבער, אַ געוויסן פּרץ. האָט זי גלײַך געוואָלט בעטן עפּעס אַנדערש — אַ ראָמאַן, אַ ליבע מיט דועלן. אָבער דאָס איז געווען פּרײַטיק, לייענער האָבן זיך געשטופּט און געאײַלט נעמען אַ בוך אויף שבת, האָט טאַמאַרע

אַרײַנגעלייגט די ״געשיכטן״ אין קאָשיק און אַוועק אויף שקאַפלערנע, צו לייקען.

זענען יידע חברטעס געזעסן אין אָוונט בײַם טיש, ווי צוויי אויסגעדינטע סאָלדאַטן, און געשוויגן. עלינקע איז שוין געשלאָפן. אויפן קאַמאָד האָבן געצאַנקט די שבת־ליכט, וואָס לייקע האָט זיך געמאַכט אַ מנהג אָנצוצינדן זינט איר קדיש איז געבוירן געוואָרן. האַרבסט איז געווען. אַ דריבנער רעגנדל האָט געקלאַפּט אין נידעריקן פענסטער וואָס איז אַרויס צו אַ שטיקל גאָרטן, ווי דער שטייגער פון די הילצערנע שטיבער אין יענער געגנט. טאַמאַרע האָט געבלעטערט די ״געשיכטן״ און שווערע ספקותן האָבן געקרימט אירע פולע ליפּן. לייקע האָט געקליבן די ברעקלעך חלה פון שבתדיקן טישטעך, און געשוויגן. זי האָט געהאַט פאַראיבל אויף דער חברטע, וואָס אַ גאַנצן אָוונט האָט זי מיט איר ניט אויסגערעדט קיין וואָרט און נאָר געווען פאַרנומען מיט איר בוך. האָט זי זיך ניט איינגעהאַלטן און אַ בורטשע געטאָן:

— לאָמיר אויך וויסן וואָס דו זוברעוועסט דאָרטן?

טאַמאַרע האָט אויפגעהויבן אויף לייקען אירע קאַרע קאַצן־אויגן, וואָס זייער בליק האָט אַזוי געוואַרעמט די אײַנגייער אין בערטע די לוכטעס געמאַכן, און זיך צעשמייכלט:

— דאָס זענען דערציילונגען שווער צו פאַרדײַען. מיט אַ סך העברעיִשע ווערטער. מען דאַרף זײַן אַ רב דערצו.

— טאָ צו וואָס דאַרפסטו זיך ברעכן די ציין? זונטיק וועסטו בעטן אַן אַנדער בוך, מען זאָל אים קאָנען נעמען אין מויל אַרײַן.

טאַמאַרע האָט זיך אַ רגע פאַרטראַכט און דערנאָך זיך מודה געווען:

— איין מעשה האָב איך דווקא יאָ צעקײַט. זייער... זייער... אַזאַ... נו...מיט...

לייקע האָט זי אונטערגעשטופּט:

— זאָג שוין מיט אַהער, מיט אַהין, מיט וואָס?

— מיט אַ געדראַנק...

— לאָמיר הערן דעם געדראַנק.

— איך מוז דיר דאָס איבערלייענען.

לייקע האָט ניט געהאַט קיין געדולד:

— פּריער דערציל מיר אין וואָס עס גייט דאָרטן.

— טאַמאַרע האָט זיך אָפּגעהוסט און אָנגעהויבן דערציילן:

— ס'איז אַ מעשה מיט דרײַ מתּנות. אַ ייִד, וואָס איז געשטאָרבן און מען לאָזט אים נישט אַרײַן אין גן־עדן, ביז ער וועט נישט ברענגען דרײַ מתּנות אין הימל.

— ווע־ דאַרף אין הימל מתּנות?

טאַמאַרע האָט זיך אויפגערעגט:

— אַז דו פרעגסט פּערדישע פראַגעס, וועסטו בלײַבן אָן דער מעשה. אַ שרײַבער שרײַבט, איז הער זיך צו!

— שאַ, שאַ, זע וואָס דאָ טוט זיך. מען טאָר שוין ניט פרעגן אויך?

טאַמאַרע האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און ממשיך געווען:

— האָט ער געבראַכט אין הימל אַ מתּנה אַ שפּילקע...

לייקע האָט מורא געהאַט צו פרעגן אויף וואָס דאַרף מען אין הימל אַ שפּילקע, האָט זי געשוויגן און טאַמאַרע האָט דערציילט ווײַטער:

— דער געשטאָרבענער ייִד האָט געבראַכט נאָך צוויי מתּנות — אַ זעקעלע ארץ ישראל־ערד און אַ יאַרמלקע. אָבער די שפּילקע האָט מיך גענומען פאַרן האַרץ...

טאַמאַרע האָט פאַרמאַכט די "פּאָלקסטימלעכע געשיכטן", און אָנגעהויבן דערציילן:

— די זאַך איז געווען אַזוי. גלחים האָבן פאַרמשפּט צום טויט אַ רבס אַ טאָכטער, ווײַל זי איז אַרויס אויף דער גאַס ווען ס'איז געגאַנגען אַ פּראָצעסיע פון קלויסטער. מיט יאָרן צוריק האָט אַ

ייִד נישט געטאָרט גיין אין די גויִשקע גאַסן. האָט מען זי, דעם רבס טאָכטער, צוגעבונדן פאַרן צאָפּ צום עק פון אַ ווילדן פערד, ער זאָל זי שלעפּן אין געלאַף איבערן ברוק. האָבן די גלחים זי געפרעגט וואָס פאַר אַ בקשה האָט זי פאַרן טויט. האָט דעם רבס טאָכטער געבעטן אַ שפּילקע. מיט דער שפּילקע וואָס זי האָט באַקומען, האָט זי צוגעשפּיליעט איר קלייד צום לעבעדיקן פלייש פון אירע פיס, כּדי מען זאָל ניט זען אירע ווײַבערשע ערטער בעת דאָס פערד וועט זיך יאָגן מיט איר דורכן גאַס, און דאָס קלייד וועט זיך אויפהייבן מיטן ווינט.

לייקע האָט זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ:

— צום סאַמע פלייש?

— אָט דאָס וואָס דו הערסט...

לייקען איז דאָס נישט געפעלן געוואָרן:

— אַ מענטש גייט צום טויט, האָט ער ניט קיין אַנדערע דאגות? וואָס איז שוין דער אונטערשייד?...

טאַמאַרע האָט דערווידערט:

— אָט דאָס טאַקע איז דאָך דער געדאַנק. צום טויט איז זי געגאַנגען, אָבער אַ רבס אַ טאָכטער איז זי געבליבן, ניט הפקר...

לייקע האָט געצויגן אַן אַקסל. דער ספק צי דעם רבס טאָכטער אין פּרצעס דערציילונג איז געווען גערעכט, האָט איר פאַרצויגן די ליפּן.

אַזוי זענען ביידע חברטעס, וואָס אַראָפּוואַרפן פון זיך דאָס קלייד פאַר פרעמדע אויגן איז געווען בײַ זיי אַ וואָכעדיקע זאַך, אַוועק צו זייערע געלעגערס, יעדע מיט איר אייגענעם אויספיר.

★

טאַמאַרע איז געזעסן אין שחיטה־שטיבל צווישן די פעדערן, ביז ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה. די דײַטשן מיט די רוסן האָבן זיך צעטיילט מיט דער פּוילישער מדינה. אין ווילנע האָבן דעם נײַנצנטן סעפּטעמבער, יאָר נײַן און דרײַסיק, זיך באַוויזן אין אַ

שיינעם פּרי־האַרבסטיקן פרימאָרגן אויף די גאַסן טאַנקען מיט רויטע, פינף־עקיקע שטערן אויף די שטאָלענע באָרטן. טאַמאַרע האָט אָפּגעשאָקלט דעם פּוך פון פאַרטעך און געלאָפן מיט אַלעמען זען דעם וווּנדער. דער גאַנצער קרײַזל פון ראַמטלעס הויף האָט זיך געדרייט אַרום די טאַנקען ווי נאָענטע מחותנים אויף אַ לאַנג־דערוואַרטער חתונה. די שימחה האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט. אין גאַנצן אַ זעקס וואָכן. דורך נאָכט האָבן זיך די טאַנקען, ווי אָנגעגעסענע טשערעפּאַכעס, זיך אַרויסגעשאַרט צוריק פון ווילנע. די רוסן האָבן אָפּגעגעבן די שטאָט אַ מתנה פאַר די ליטווינער. די קלומפּעס, ווי מען האָט זיי גערופן אין ווילנע, האָבן זיך געפרייט מיט דער מתנה בײַ אַכט חדשים, ביז די סאָוועטן האָבן באַשלאָסן קומען צוריק, כּדי צו באַפרײַען די ליטווינער פון אַלע דאגות צו פירן אַליין אַ מדינה. דאָס איז געשען דעם פופצנטן יוני, נײַנצן פערציק.

ערשט דעמאָלט זענען אַלע, וואָס האָבן זיך געזאַמלט אין אייבער־שטיבל אויף ייִדישע גאָס, געקומען צום לעבן. שײַקע אייכער, וואָס האָט פאַרלאָרן אַ האַנט אין שפּאַנישן בירגער־ קריג, איז געוואָרן דירעקטאָר פון די שטאָטישע אויטאָבוסן. לאַם, דער רייניקער פון מענער־קאַפּעליושן, האָט באַקומען די שטעל פון אַ קינאָ־פאַרוואַלטער. ברײַקע דער הויזן־נייער האָט איבערגענומען בערגערס זאַוואָד פון סאָדע־וואַסער. בכלל האָט ווילנע פאַרשמעקט מיט דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.

אויף טאַמאַרען האָט מען געזאָגט עדות, אַז זי איז לינק געשטימט ניט פון הײַנט, און די נײַע מאַכט האָט איר אַרײַנגעזעצט אין אַ סקלאַד פון פלייש־קאָמבינאַט.

בעסער פון אַלעמען האָט אויסגעפירט לייקע די שוואַרצע. זי האָט אונטערגעכאַפּט אַ לייטענאַנט פון דער רויטער אַרמיי, אַ ווווילער שגץ. ניט קיין גרויסער טרינקער. גלײַך האָט ער איר געקויפט אַ ווײַסן שאַל, אויפן שטייגער פון די לייטענאַנטסקע

ווײַבער, און אַוועק מיט איר לעבן, טאַקע אויף שקאַפּלערנע. דער שאַל איז געלעגן אויף לייקעס לאָקענעס ווי שניי אויף אַ בערגל פֿאַרלאָשענע קוילן. ס׳איז געווען אַ פֿאַרגעניגן צו קוקן אויף איר. לייקע איז געוואָרן אַן אייגענע צווישן די אַנדערע ווײַבער פֿון גאַרניזאָן. זי האָט שוין געהאַט אויפֿגעכאַפּט שטיקלעך רוסיש לשון אויף אַזוי פֿיל, אַז זי איז מסוגל געווען צו געבן פֿאַרשטיין אירע קומושקעס דעם אונטערשייד צווישן אַ לאַנגער נאַכטהעמד און אַ באַלקלייד. די אָנגעפּאָרענע, נײַע מאַדאַמען זענען געווען זיכער, אַז מען קאָן אין אַ נאַכטהעמד קומען טאַנצן אין אָפֿיצירן־קלוב. לייקע האָט זיך בײַם לייטענאַנט אַ ביסל אויסגעריבן, אָנגענומען אַ שטיקל פּאַסאָן. ווילנע האָט זי ניט דערקענט.

טאַמאַרע האָט זיך אויך געהאַט דורכגעוואָרפֿן מיט עטלעכע נאַטשאַלניקעס, אָבער ס׳האָט זיך ניט געקלעפּט. זי האָט געפֿונען אַ ווינקל אויף שאַוועלסקע גאַס, כּדי ניט צו שטערן דער חברטע איר גליק. ס׳איז טאַקע געווען אַ גליק. אַ דאַנק אָט דעם לייטענאַנט האָט זיך לייקע מיט איר יינגל געראַטעוועט. בעתן אָפּטרעטן פֿון ווילנע, אין איין און פֿערציקסטן יאָר, האָט דער לייטענאַנט אַרויפֿגעזעצט לייקען מיט עלינקען אויף אַ מיליטערישער לאַסט־מאַשין, וואָס האָט זיי דערפֿירט טיף אין הינטערלאַנד. לייקע האָט געוואָלט מיטנעמען טאַמאַרען, איז, אָבער, די אײַלעניש און די מהומה געווען צו גרויס. דער לייטענאַנט האָט געשריִען, געשאָלטן אין דער מאַמען אַרײַן, ווײַל יעדע רגע קאָן אָנקומען אַ דײַטשער דעסאַנט.

...און טאַמאַרע די הויכע? זי האָט ניט באַוויזן קיין סך צו לײַדן פֿון די דײַטשן. שוין מיטוואָך, דעם זיבעצענטן סעפּטעמבער 1941, אַ צען טעג נאָכן פֿאַרטרײַבן די ווילנער ייִדן אין געטאָ, איז זי געשטאַנען צווישן קנאַפּע דרײַצן הונדערט ייִדן אויפֿן פֿעלד פֿון פּאָנאַר — דאָס אָרט וואָס די דײַטשן האָבן אויסגעקליבן אויסצוהרגענען די ווילנער ייִדן, ניט ווײַט פֿון דער שטאָט.

טאַמאַרע האָט אויך געהאַט אַ באַזונדערן מזל — מען האָט איר ניט געדאַרפט פירן אין געטאָ. זי איז שוין דאָרט געווען פריִער. שאַוועלסקע גאַס איז געלעגן אין האַרץ פון דעם תּחום־המושב, באַשטימט פאַר די ווילנער ייִדן.

די ערשטע חדשים פון דעם דײַטשן שאַלטעווען אין ווילנע האָט זיך טאַמאַרע געדרייט דאָ, דאָרטן. אַ ביסל האָט זי אונטערגעהאַנדלט מיט דרויב און פון צײַט צו צײַט זיך אַרויסגעהאָלפן מיט הערשעלען דעם טרעגער. ביז זי איז אַרײַנגעפאַלן, ווי אין אַ קעסל־גרוב, צווישן גזירות, פאַראָרדענונגען וועגן האָבן אַ געהעריקן צעטל, אַ שײַן פון די דײַטשן אויף בלײַבן לעבן.

איצט איז זי געשטאַנען מיט נאָך פרויען אויפן פעלד פון פאָנאַר און געקוקט אין דער ווײַט. וועגן וועמען, וועגן וואָס האָט זי געקאָנט טראַכטן? אַליין איז זי דאָך געווען אַזוי עלנט, ניט געהאַט קיינעם. זי איז געווען אַן "אונטערגעוואָרפענע", זיך געהאָדעוועט אין יתומים־הויז. געקומען צו איר ברויט דורך זײַן אַ דערלאַנגערקע בײַ זוסקע דעם פּראָפעסאָר, וואָס האָט געהאַט אַ קנײַפּע אויף קאָנסקע גאַס. דאָס האָט ער איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מיט אירע פיס, אויב זי וועט שטיין אויף די ראָגן, קאָן זי מאַכן געלט.

...און אָט איז געקומען אַ באַפעל מען זאָל זיך אויסטאָן.

טאַמאַרע האָט זיך ניט אויסגעטאָן. זי האָט פאַרגראָבן די נעגל פון אירע פינגער אינעם ווייכן פלייש פון אירע פוכקע אָרעמס און ניט געגעבן דעם מינדסטן סימן, אַז זי גייט אָפּשפּיליען אַ קנעפּל.

טאמארע האָט ניט צוליב געטאָן דעם דײַטש, וועלכער איז געשטאַנען קעגן איבער איר מיט זײַן מאַשין־געווער. העכער פון אים, אין איר פערקאַלענעם קליידל מיט די רויטע און בלויע

בלימעלעך, האָט זי אים געקוקט גלײַך אין די אויגן, און זיך ניט געמאַכט פון זײַנע געשרייען.

לאַנג האָט ער ניט געשריען. אין איין רגע איז שוין טאַמאַרע געלעגן אויפן זאַמד, געטראָפן פון זײַן קױלן־סעריע.

אַזוי איז אַוועק צום טויט טאַמאַרע די הויכע, דאָס לעצטע יידישע גאַסן־מיידל אין ווילנע.

אַ פּרוי, וואָס איז אַ פאַרוווּנדיקטע אַרויסגעקראָכן בײַנאַכט פון גרוב, און מצליח געווען זיך אומצוקערן אין געטאָ, האָט דאָס אַלץ שפּעטער דערציילט.

# זכרונות פון
# אַ פאַרשניטענער טעאַטער היים

# זכרונות פון
# אַ פֿאַרשניטענער טעאַטער היים

מײַן מאַמע, אַז ס׳איז איר שוין דערגאַנגען דאָס וואַסער איבערן האַלדז, באַזוכער זײַנען ניט געקומען אויף די פֿאָרשטעלונגען אין דעם טאַטנס טעאַטער, און ס׳איז ניט געווען קיין פּרנסה, פֿלעגט זי אַרויספּלאַצן:

— פֿאַרברענט זאָל ווערן דאָס ביטערע געשעפֿט...

דער טאַטע האָט זיך נוהג געווען דאַן אויפֿצוהייבן אויף איר אַ פּאָר שוואַרצע, גליענדיקע אויגן, פֿול מיט פֿאָרוואורף, און אָפּזיפֿצן:

— רחל, רחל, ווי רעדסטו?...

די מאַמע פֿלעגט, פֿון דרך ארץ וועגן, גאָרניט אָפּענטפֿערן. זי האָט בלויז אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, און אַוועק אין קיך אַרײַן צוגרייטן אַ פֿאַרעווען מאָלצײַט. ווען זי האָלט אויס כאָטש איין רגע דעם טאַטנס בליק, וואָלט זי זיך געשפּיגלט אין דער אייגענער קללה.

דער טעאַטער האָט געברענט אין טאַטנס אויגן. ס׳האָט געברענט און איז ניט פֿאַרברענט געוואָרן.

★

זײַן פֿאָטער איז געווען רב אין אַן אָרעמער פֿאָרשטאָט, די אַזוי גערופֿענע סלאָבאָדקע פֿון מינסק וואָס אין ווײַסרוסלאַנד. דער טאַטע איז זייער יונג אַוועק פֿון דער היים. צוויי בײַטשן האָבן אים געטריבן אין דער ווײַט — די נויט און דער דמיון. אַ צײַט האָט ער געלערנט אין ראַמײַלעס ישיבה, אין ווילנע. מען האָט אים אַרויסגעוואָרפֿן פֿון דער ישיבה נאָכן געפֿינען אונטערן גמרא־טאָוול אַ רוסישע גראַמאַטיק. איז ער אַוועק לערנען דעם דרוקער־פֿאַך אין דער ווילנער דרוקערײַ פֿון ראָזנקראַנץ און

שריפטזעצער, ווו מען האָט געדרוקט די הייליקע ספרים, צוגלײַך מיט מעשה־ביכלעך, וועלכע האָבן געבראַכט אַזויפל פרייד אין יידישע שטיבער.

אין דער דרוקערײַ האָט געאַרבעט נאָך אַ לערן־ייִנגל, אַ קרוב פון דעם מיט־באַלעבאָס שריפטזעצער. ביידע בחורימלעך זענען געוואָרן צוגעבאַקן איינער צום אַנדערן. ס'האָט זיי ביידן, זיך בייגנדיק בײַ די ש"ס־מאַטריצן, געטראָגן צו אַנדערע עולמות — ליכטיקע, פאַרביקע, להיפוך דעם בלײַאיקן גרוי פון דער דרוקערײַ. דעם טאַטנס חבר האָט די וועלט שפּעטער געקאָנט ווי דעם שווישפּילער שלמה שריפטזעצער, וועלכער האָט אַזוי איינציק געפּורעמט אויף דער בינע שלום־עליכמס געשטאַלטן.

דער טאַטע און שריפטזעצער, ביידע שוין ייִדן אין די יאָרן, האָבן נאָך אַלץ געהאַט איינער וועגן אַנדערן מעשיות פון זייער ייִנגל־צײַט. דער טאַטע האָט תמיד דערציילט ווי שריפטזעצער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ שד און איבערגעשראָקן אויף טויט די גאַנצע דרוקערײַ. שריפטזעצער, ווידער, האָט דערציילט אויפן טאַטן, אַז מ'האָט אים אַמאָל געפונען הענגען אויפן בוידעם מיטן קאָפּ אַראָפּ, און מען האָט אים אַ פאַרחלשטן אַראָפּגענומען פונעם שטאַנג, אַן איבערגעוואָרפענעם איבער צוויי קראָקוועס. דער טאַטע האָט נאָר געוואָלט וויסן וויפל צײַט קאָן אַ מענטש אויסהאַלטן, הענגענדיק מיטן קאָפּ אַראָפּ. דאָס איז אים געווען נייטיק צו וויסן, ווײַל ער וויל זיך לערנען פאַר אַן אַקראָבאַט אין אַ צירק...

שריפטזעצערס וועג צום טעאַטער איז געווען אַ קירצערער. יענער איז געווען אַן אַקטיאָר אין אַלע זײַנע רמ"ח אברים. דער טאַטע איז קיינמאָל קיין אַקטיאָר ניט געווען. אין אים האָט אַ וועלט געברויזט, אָבער ברענגען זײַן וועלט צו דערקענטעניש האָט ער ניט געקאָנט. ס'האָט אויף אים געדריקט דער שטילער אָפּשטאַם פון אַ רבנישער היים. בלויז איין מאָל האָט ער געפּרוווט

זײַנע כוחות אויף די בינע־ברעטער, איז עס אויך געווען צוליב אַ נויטפאַל. דער שוישפּילער אײַזיק סאַמבערג, פון די ווירדיקסטע אַקטיאָרן אויף דער ייִדישער בינע צווישן ביידע וועלט־מלחמות, איז קראַנק געוואָרן. געשפּילט האָט ער אין דער ראָל פון משולח, אין אַנסקיס דיבוק. אין די דרײַסיקער יאָרן, אין פּוילן, איז אָט די פאָרשטעלונג געשפּילט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג. אין דעם טאַטנס ווילנער טעאַטער איז דער דיבוק געגאַנגען אַ גאַנצן סעזאָן בײַ פולע הײַזער. אַפילו די מאַמע איז געווען צופרידן. האָט געטראָפן אַן אומגליק: אײַזיק סאַמבערג איז קראַנק געוואָרן און ס׳איז געשטאַנען די סכנה מ׳זאָל מוזן מבטל מאַכן עטלעכע פאָרשטעלונגען. האָט דער טאַטע זיך אײַנגעעקשנט. מ׳איז ניט מבטל קיין פאָרשטעלונגען, וואָס ציען אַזוי דעם עולם. אויך האָט ער ניט געוואָלט פאַרלירן די הכנסות, וואָס ער האָט אַזוי נייטיק געדאַרפט פאַר דעם געשעפט. האָט דער טאַטע איבערגעצײַגט דעם גאַנצן אַקטיאָרן־קאָלעקטיוו, מיט אברהם מאָרעווסקין בראש, וועלכער האָט געשפּילט דעם מיראָפּאָליער צדיק אין אָט דער פּיעסע, אַז ער, דער טאַטע, וועט קאָנען פאַרבײַטן אײַזיק סאַמבערגן, ביז יענער וועט געזונט ווערן.

— אַ בערדל האָב איך (דער טאַטע האָט זייער יונג פאַרלאָזן אַ באָרד), וועל איך אָנטאָן אַ קאַפּאָטע און אָפּזאָגן די פּאָר ווערטער...

זײַן ערשטן און לעצטן דעביוט אין דער ראָל פון משולח, האָט דער טאַטע געמאַכט אויף אַ שבת־בײַטאָגיקער פאָרשטעלונג. איז ער אַרויף אויף דער בינע פאַרקליידט אין דער קאַפּאָטע און מיט זײַן אייגענער באָרד, און זייער שטיל אויסגעשעפּטשעט די באַקאַנטע פראַזע:

— דער חתן וועט קומען באַצײַטנס...

עמעץ פון די צושויער האָט אים דערקאָנט און אויסגעשריִען:

— קאַרפּינאָוויטש, רעדט העכער!

האָט דער טאַטע געענטפערט דעם שרײַער:

— איך בין ניט קיין אַקטיאָר, איך פֿאַרבײַט סאַמבערגן, דאַרף איך ניט ריידן העבער...

מיט אָט דעם אויפטריט האָט דער טאַטע זיך געזעגנט אויף תמיד מיט דער בינע. מער האָט ער קיינעם ניט געוואָלט פֿאַרבײַטן, אַפילו פֿאַר דעם פּרײַז אָנצוגיין מיט אַ פֿאָרשטעלונג, כּדי ניט צו שליסן די טעאַטער־קאַסע...

דער טאַטע איז געקומען צום טעאַטער דורך אַ שטיקל אומוועג. ווען זײַן חבר שריפטזעצער איז שוין געפֿאָרן איבער רוסלאַנד מיט פֿאַרשידענע אַנסאַמבלען, האָט נאָך דער טאַטע געאַרבעט אין דער דרוקערײַ, זיך געליבט מיט אַ מיידל, און געפּרוּווט זײַנע כּוחות אין זשורנאַליסטיק. זײַן ליבע האָט געהאַט מער קיום ווי דער אײַפער צו דער פּעדער. דאָס מיידל איז געוואָרן זײַן ווײַב, אים געבאָרן זעקס קינדער, און די צײַטונג, וואָס ער האָט מיסד געווען אין ווילנע אונטערן נאָמען "ווילנער וואָכנבלאַט" האָט קיין פּרוכט ניט געגעבן. די מאַמע האָט יאָרן געטענהט, אַז ווען דער טאַטע וואָלט מער געהיט די דרוקערײַ, און זיך ניט פֿאַרנומען מיט אָרגאַניזירן קאָנצערטן פֿאַר דער זינגער־פּאָרל קיפּניס — זעליגפֿעלד, וואָלט ס'געשעפֿט געווען געשעפֿט. אפשר...

★

ס'איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט מלחמה. דער הונגער האָט זיך פֿאַרלייגט אין דער מאַמעס טשוגונענעם טאָפּ. דער טאַטע איז גאַנצע טעג אומגעלאָפֿן איבער דער שטאָט און געזוכט ווו צו דאַבוווען אַ ברייטל פֿאַר דער משפּחה. דאָ איז אים בײַגעשטאַנען זכות־אבות. דער שניפּישקער רב, דעם זיידנס אַ ידיד, האָט געשיקט דעם טאַטן זיך אויפריידן מיט דעם שטאָט־קאָמענדאַנט וועגן שאַפֿן אַ קיך פֿאַר די אָרעמעלײַט פֿון דער ווילנער פֿאָרשטאָט נאָוואָראָד. דער טאַטע האָט אָנגעטאָן דעם יום־טובדיקן סורדוט, אויסגעגלעט זײַן שוואַרצע הערצל־באָרד, און אַוועק צום דײַטשישן גענעראַל. די שטאָט ווילנע איז געווען אָקופּירט דורך די

דײַטשן אין יענע יאָרן, נײַנצן פופצן, נײַנצן זעכצן. פֿאַרוואָס האָט דער שניפּישקער רב געהאַלטן, אַז דער טאַטע איז דער פּאַסיקער שליח? צוליב זײַנע קענטענישן אין דעם דײַטשישן לשון. ווען ער האָט נאָך געאַרבעט בײַ ראָזנקראַנץ און שריפטזעצער, האָט מען זיך פֿאַרשטאַנען אויף זײַנע פּעאיקײַטן, און אים געשיקט זיך פֿאַרפולקומען אין פֿאַרבן־דרוקערײַ קיין פֿראַנקפורט, וואָס אויף דעם מײַן. דאָרט איז ער עטלעכע יאָר געווען באַשעפטיקט אין אַ גרויסער אונטערנעמונג, וואָס האָט געדרוקט ביכער אין קאָלירן. דער טאַטע האָט זיך אומגעקערט קיין ווילנע זייער שטאַרק איבערגענומען מיט דער דײַטשישער קולטור, אַפֿילו געבראַכט פֿון דאָרט עטלעכע פּעק ביכער, וועלכע האָבן באַפּוצט די שטוב, ביז די היטלער־דײַטשן זײַנען געקומען, אין יאָר נײַנצן איין און פערציק, און חרוב געמאַכט די היים אינאיינעם מיט דעם באַוווּנדערער פֿון דער דײַטשישער ליטעראַטור.

דער טאַטע האָט מצליח געווען איבערצורײדן דעם דײַטשישן מושל יענער זאָל אַרויסגעבן פּראָדוקטן פֿאַר דער קיך. דערבײַ האָט אים געהאָלפֿן אַ זעלנער, וועלכער האָט געאַרבעט אין דער קאָמענדאַנטור. דער זעלנער האָט געהייסן אַרנאָלד צווײַג, דער שפּעטערדיקער מחבר פֿונעם באַרימטן בוך ״סערזשאַנט גרישע״, וועמענס סוזשעט איז געבויט אויף אן אמתער פּאַסירונג, מיט וועלכער דער מחבר האָט זיך צוזאַמענגעשטויסן בעת זײַן מיליטער־דינסט אין ווילנע. אַרנאָלד צווײַג, כאָטש זייער אַסימילירט און אָפּגעפרעמדט פֿון ייִדישקײַט, האָט זיך זייער געהאַט איבערגענומען מיט דעם טאַטנס בקשה וועגן ראַטעווען ייִדן פֿון שווידערלעכן הונגער. ווי דורך אַ געדיכטער פֿאַרע געדענקט זיך די נאָוואָראָדער קיך מיט די גרויסע, שוואַרצע קעסלען זופּ פֿון קאַרטאָפּל און האָבערנע גרויפּן. יאָרן שפּעטער איז די הונגעריקע ריי מגולגל געוואָרן אין אַ זאַטע ריי נאָך טעאַטער־בילעטן.

דער טעאַטער איז, אַפּנים, געווען אָנגעצייכנט דעם טאַטן מן השמים. שוין צווישן די קעסלען אין קיך האָט זיך געדרייט אַ שטיקעלע טעאַטער בצורת אַ שוואַרץ־חנעוודיק מיידעלע, וואָס פלעגט, ווי אַ קעצל, זיך רײַבן אָן טאַטנס פיס. איר מאַמע האָט געאַרבעט אין קיך בײַם שיילן קאַרטאָפל. דאָס מיידעלע האָט זיך שפּעטער געדרוקט אויף די אַפישן מיטן נאָמען חיהלע קושנער. זי האָט געשפּילט אין יידישן טעאַטער, אין ריגע, דער לעטישער קרוינשטאָט. דאָרט איז זי אומגעקומען צוזאַמען מיט אַלע אירע פאַרערער.

★

דער קריג האָט זיך געענדיקט, און אָט האָבן זיך אָנגעהויבן אויפזאַמלען אין ווילנע אַקטיאָרן פון אַלע עקן רוסלאַנד. זיי זײַנען אָנגעקומען אין סאָלדאַטסקע שטיוול, אין שינעלן אָן קנעפּ, מיט אַ ריח פון משא־צוגן און פאַרשימלט ברויט. פון די ערשטע האָבן זיך באַוויזן אויף דער גאַס די אַקטיאָרן יצחק נאָזשיק מיט דעם ווײַב, שטרײַטמאַן, מאַקסימאָוו. די שוישפּילערין פּראַניע ווינטער האָט נאָך דאַן געזונגען אין קינאָ "שטרעמער". בעת די הפסקות פלעגט זי אויפטרעטן מיט צוויי לידלעך, איבערגעטאָן ווי אַ חסידל.

די קיך איז שוין געווען געשלאָסן. דאָקטאָר יעקב וויגאָדסקי, פון די ווילנער ראשי־קהל, האָט געהאַלטן, אַז אַזאַ יידן ווי דעם טאַטן טאָר מען ניט אַרויסלאָזן פון די הענט. די קהילה דאַרף האָבן אַזאַ; אָבער דער טאַטע איז ניט אַוועק אַרבעטן אין דער ווילנער קהילה. ווי נאָר ס׳האָט זיך געגרינדעט אין ווילנע אַן אַקטיאָרן־פאַראיין, איז דאָרט דער טאַטע געוואָרן סעקרעטאַר. דאָס האָט יצחק נאָזשיק, דער שפּעטערדיקער רעזשיסאָר אינעם ארץ־ישראלדיקן סאַטירישן טעאַטער "המטאטא" ("דער בעזעם"), געבראַכט דעם טאַטן אין אַקטיאָרן־פאַראיין.

דער טאַטע איז אַוועק ווו דאָס האַרץ האָט אים געצויגן. די

מאַמע האָט געוויינט. זי האָט פֿאַרשאָלטן איר ביטערן גורל. ערשט מיט אַ חודש צוריק האָט זי געזען דעם טאַטן אינעם שוואַרצן, האַרטן הוט, דעם קאָטעלאָק, מיט דער שניי־ווײַסער מאַנישקע, צווישן די שענסטע באַלעבאַטים פֿון שטאָט אויפֿן קהילה־צוזאַמענפֿאָר, און דאָ דרייט ער זיך גאָר אום מיט אַ כאָפּטע האָלעדראַנצעס... די מאַמע האָט ניט ליב געהאַט קיין אַקטיאָרן. זי האָט אַפֿילו ניט איבעריקנס ליב געהאַט דעם אייגענעם איידעם, לייבל ווײַנער, שוין בלויז דערפֿאַר וואָס ער, אַ זון פֿון אַ יוסטן פֿוטער־קירזשנער, איז ניט אַוועק אין זײַן טאַטנס וועגן, נאָר׳ דווקא געוואָלט שפּילן טעאַטער. אירע קינדערס גיין צום טעאַטער האָט די מאַמע באַטראַכט ווי אַ גזירה מהשמים — באַשערט ניט צו לעבן רואיק...

★

פֿרעמדע חילות האָבן נאָך געמאַכט לעצטע פּרוּוון אַרויסצורײַסן איינער בײַם אַנדערן די שטאָט, און דער טאַטע האָט שוין געדונגען אַ טעאַטער צו שפּילן שלום־עליכמס סטעמפּעניו. די אינסצעניזאַציע האָט ער אַליין געמאַכט. בכלל, דער טאַטע האָט געהאַט אַ גוואַלדיקן דרך־ארץ און פֿאַרערונג פֿאַר אונדזער קלאַסיקער שלום־עליכם. אין יאָר טויזנט נײַן הונדערט פֿערצן, עטלעכע חדשים פֿאַרן אויסבראָך פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט דער טאַטע אײַנגעאָרדנט אין ווילנע אַ שעפֿערישן אָוונט פֿאַר שלום־עליכם. די גאַס אַרום דעם זאַל, ווו דער אָוונט האָט געדאַרפֿט פֿאָרקומען, איז געווען שוואַרץ פֿון מענטשן. דער דערפֿאָלג פֿון אָט דעם אַרויסטריט איז געווען אומגעהויער. דער טאַטע פֿלעגט דערציילן מיט גרויס באַוווּנדערונג וועגן שלום־עליכמס בינע־טאַלאַנט ווי אַ פֿאָרלייענער פֿון זײַנע אייגענע ווערק. אַ פֿאַסטקאַרטל, וואָס שלום־עליכם האָט געשיקט דעם טאַטן, איז געלעגן אין דער היים ווי אַ רעליקוויע. איך בין זיכער, אַז ווען דער טאַטע איז געגאַנגען דעם לעצטן וועג צום אומקום,

האָט ער געהאַט שלום־עליכמס פּאָסטקאַרטל בײַ זיך אין בוזעם־קעשענע.

ס׳איז געווען דאָס יאָר נײַנצן הונדערט אַכצן, אָן אַן אײַנגעשטעלטער מאַכט אין ווילנע. מענטשן האָבן מורא געהאַט אַרויסצורוקן די נאָז אין אָוונט. אַקטיאָרן האָבן נביאות געזאָגט, אַז ס׳וועט קיין הונט ניט אַרײַנשמעקן אויף דער פאָרשטעלונג. דער טאַטע איז געשטאַנען אויף זײַנס. מ׳מוז אָנהייבן, האָט ער געטענהט.

אַזוי האָט מען אָנגעהויבן. מענטשן זײַנען יאָ געקומען, און אַ סך. ס׳איז געווען פול. דער טאַטע האָט, חלילה, ניט טריאומפירט איבער די אַקטיאָרן, די שוואַרץ־זעער. ער האָט בלויז נחתדיק געגלעט די באָרד און גערעדט, ווי צו זיך, אינדערשטיל:

— ייִדן מוזן גיין אין טעאַטער, זיי האָבן עס ליב...

האָט דער טאַטע גענומען דעם קינאָ "עדען" און אים פאַרוואַנדלט אין אַ טעאַטער. דאָרט האָט נאָזשיק געשטעלט "רייזעלע דעם רבינס". יוכבד זילבערג האָט געשפּילט רייזעלע. דערנאָך איז געווען אַן אַנדער פּרעמיערע, וואָס האָט געהייסן "דער ישיבה בחור". דער אַקטיאָר זובאַק האָט גערעדט פאַר אַן אָפענעם ארון־קודש מיט אַ טויטן טאַטן, און מבינים האָבן געזאָגט, אַז אַ כּפּרה "האַמלעט" פון שעקספּיר... מאָטל הילסבערג, דער שיינער יונגערמאַן, האָט אין אַן אַנדער פאָרשטעלונג געשפּילט בר־כּוכבא, ווי ער שטייט אַ האַלב־נאַקעטער אויף די בערג פון ארץ־ישראל, און רײַסט די קייטן פון פרעמדן יאָך. די קייטן זײַנען געווען פּאַפּירענע און דער שווערד איז געווען אַ הילצערנער, אָבער הילסבערגס שפּילן איז געווען אַן אמתער. דער עולם האָט געגלייבט יעדן וואָרט, ניט געקוקט אויף די טעקטורענע בערג, און געגאַנגען אין טעאַטער.

אַזוי האָט זיך אויסגעהאָדעוועט אַ דור טעאַטער־גייער. ווען אין שטאָט־זאַל איז שפּעטער געשטאַנען אַ טרופּע, וואָס וואָלט

געקאָנט באַשײַנען יעדע וועלט־בינע — זיגמונד טורקאָוו, יאָנאַס טורקאָוו, אידאַ קאַמינסקי, משה ליפּמאַן, אײַזיק סאַמבערג — האָט דאָרט נאַכט אין נאַכט געווימלט מיט רײַפע צושויער, וועלכע האָבן שוין געגנוי געוווּסט וואָס זיי ווילן זען אין טעאַטער.

די מאַמע האָט זיך שוין אויך געהאַט צוגעוווינט צו דעם פּאַרביקן טאַראַראַם. בײַ אַ פּרעמיערע פלעגט זי אָנטאָן די שוואַרצע, זײַדענע קלייד און דעם קאַראַקולענעם מאַנטל. אמת, זי האָט, ווי פריער, געקוקט אויף דעם אַלעם מיט זייער ניכטערע אויגן, אָבער שוין מער ניט מבטל געמאַכט דעם טאַטנס ווערן מיטגעריסן בעת אַ געלונגענער פאָרשטעלונג. איינמאָל האָט זי אַפילו איבערגעלעבט אַ שטיקל דערהויבנקײַט. דאָס איז געווען אַז ר׳ חיים גאָרדאָן, פון די ווילנער כלי־קודש, איז געקומען דאָס ערשטע מאָל אין זײַן לעבן אויף אַ פאָרשטעלונג. מען האָט דאַן געשפּילט דעם דיבוק, ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט. מיט די גאָרדאָנס זײַנען מיר געווען שכנים. זיי האָבן אויך געוווינט אויפן ווילנער שול־הויף, אין צענטער שטאָט, אויף דײַטשע גאַס נומער צוועלף. אין אַ פרײַער מינוט פלעגט דער טאַטע אַרויפגיין צו ר׳ חיים גאָרדאָן אָפּפרישן בחברותא אַ בלאַט גמרא. ראַמײַלעס ישיבה האָט איבערגעלאָזט אינעם טאַטנס נשמה טיפע שפּורן. האָט ער אים אײַנגערעדט צו גיין זען די פאָרשטעלונג דער דיבוק. ביז ס׳איז געוואָרן טונקל אין זאַל, האָט דער טאַטע געהאַלטן זײַן גאַסט אין אַ זײַטיקן צימער. ווען דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן, איז ר׳ חיים גאָרדאָן שטיל אַרײַן אין זאַל, און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ צוגעגרייטן שטול הינטער דער לעצטער ריי. אַ רגע פאַר יעדער הפסקה האָט דער טאַטע צוריקגעפירט דעם אָפּגעהיטענעם ייִדן צוריק אין זײַן באַהעלטעניש. ר׳ חיים גאָרדאָן האָט וואָכן ניט דערמאָנט וועגן זײַן באַזוך בײַם טאַטן אין טעאַטער. איינמאָל, אָבער, בעת אַ צופעליקער באַגעגעניש אויפן שול־הויף, האָט ער זיך אָפּגערופן:

— ר׳ משה, איר ווייסט דאָך, אַז איך וועל מער קיינמאָל אין טעאַטער ניט גיין; נאָר וויסן זאָלט איר, אַז דאַן... אַז דאַן האָט אַ רגע די שכינה גערוט אויף דעם מיראָפּאָליער צדיק. אויב האָט איר כאָטש אַפילו אויף איין רגע מצליח געווען די שכינה זאָל רוען אויף דער בינע פון אַײַער טעאַטער, איז... איז אַ יישר כח...

די מאַמע האָט זיכער געטראַכט, אַז אויב דער טאַטע האָט געקאָנט באַווירקן ר׳ חיים גאָרדאָנען יענער זאָל קומען אין טעאַטער זען ווי אברהם מאָרעווסקי שפּילט דעם מיראָפּאָליער צדיק, איז דער ענין טעאַטער גאָרניט אַזוי פּשוט. ס׳מוז עפּעס שטעקן אין דעם אַזוינס, וואָס איז ניט משיג צו זײַן מיט דעם קלאָרן שכל. האָט זי שוין אָנגעהויבן פֿאַרבויגן אַן איבעריקן פֿאָרוווּרף דעם טאַטן, ווען ער איז געבליבן מיט אַקטיאָרן אַ פּאָר שעה שפּעטער נאָך דער פֿאָרשטעלונג אין וועלפּקעס רעסטאָראַן אויף ייִדישע גאַס. דאָרט האָבן אַלע ליבהאָבער פון ייִדיש געגעסן געבראָטענע קישקע און געהאַקטע לעבער. אין איין ווינקל זײַנען געזעסן די איזוואָשטשיקעס, באַלעבאַטים פון אַ פערד מיט אַ דראָזשקע צו פירן פּאַסאַזשירן איבער דער שטאָט, און כויכעס, וואָס האָבן זיך באַשעפּטיקט מיט שלעפּן קונדן אין די קראָמען פון פּאַרטיקער קליידונג, וואָס אויף דײַטשע גאַס. אין אַ צווייטן ווינקל זײַנען געזעסן אַקטיאָרן און שרײַבער, אויך מעצענאַטן, וואָס האָבן געהאָלפן אין אַ נויט, בעת אַ שלעכטן טעאַטער־סעזאָן, אָדער גאָר געשטעלט בראָנפן בײַ אַ טעאַטער־שמחה. אויך שטאַלטנע מיידלעך, פּאַרערערינס פון כל מיני קינסטלער, האָבן באַשײַנט די טישלעך. איציק מאַנגער האָט געזאָגט תורה אויף אַ גלעזל סליוואָוויץ. שמשון כהן, דער רעצענזענט פון ווילנער טאָג האָט געשאָטן פּעך און שוועבל פאַר שפּילן שונד־פּיעסן. אברהם מאָרעווסקי, וועלכער האָט געהאַט אַ שוואַכקײַט צום עסן, האָט געריסן שטיקער פון אַ קאַטשקע, געשריען הייזעריק:

— וועלפּקע, כ׳בין הונגעריק!

כך הוה האָט מען אים אונטערגעטראָגן אַ סקאָוואָראָדע קאַרטאָפל־לאַטקעס מיט גריוון.

הינטער דעם רעסטאָראַן איז געווען אַ שטיקל פאַרצאַמטער הויף. דאָרט פלעגן אַקטיאָרן, מיט דעם טאַטן בראש, זיך אויפקלײַבן אין די זומערדיקע אָוונטן. פון דער אַנדער זײַט פאַרצאַמונג איז געוואַקסן אַ ליפּע. די צווײַגן פונעם בוים האָבן אַריבערגעקוקט איבער דער וואַנט, צו וועלפקעס געסט, און זיי מהנה געווען מיט זײַן האָניק־ריח. דאָרט האָט מען געגעסן קאַלטע בוריקלעך, פאַרוואָרפן מיט שטיקלעך ווײַסן קעז — דעם ביליקסטן מאכל אין וועלפקעס מעניו. דער טאַטע האָט געגלעט די באָרד און אָנגעגעבן דעם בוים ווי אַ משל צו דעם צעבליטן, ייִדישן טעאַטער. אין יאָר נײַנצן פיר און פערציק, ווען די דײַטשן האָבן פאַרלאָזט די שטאָט, איז די קרוין פון דער ליפּע געלעגן באַגראָבן אונטער אַ באַרג גרוז. פון וועלפקעס האַרבעריק איז געשטאַנען אַן אָפּגעריסענע שטיק וואַנט.

★

אָט איז דער טאַטע געקומען צו אַ ברעג. ער האָט שוין געהאַט אַן אייגענעם טעאַטער, מיט דעם נאָמען ״פּאַלאַס טעאַטער״. דער טאַטע איז שוין אויך געווען באַוווּסט אין דער טעאַטער וועלט. דער דירעקטאָר פון פּוילישן טעאַטער אין ווילנע, זעלוועראָוויטש, האָט אים זייער געשעצט פאַר זײַנע אויפטוען מיט אַזעלכע באַשיידענע מיטלען, אָן אַ מלוכהשער אונטערשטיצונג. אַפילו די מאַמע איז שוין געווען צופרידן. גאָט צו דאַנקען, דאָס געשעפט גייט. האָט זיך, אָבער, דער טאַטע מיט דעם ניט באַנוגנט. ס׳האָט אים געלאָקט די מחשבה פון אויסבויען אַזאַ טעאַטער, ווו דער באַלקאָן (די ״גאַליאָרקע״ אין טעאַטראַלן לשון) זאָל ניט האָבן ווייניקער פּלעצער, ווי דער פּאַרטער, און עמך זאָל זיך אויך קאָנען פאַרגינען קויפן אַ בילעט און זען אַ פאָרשטעלונג, ווײַל וואָס איז אַ ייִדישער טעאַטער אָן עמך? דער ״פּאַלאַס טעאַטער״

האָט ניט געהאַט קיין באַלקאָן, און דאָס האָט געפעלט דעם טאַטן.

אַקטיאָרן פלעגן באַוווּנדערן ווי דער טאַטע קאָן מאַכן אַ קאַסטע־ראַפּאָרט אויפן דעק פון אַ פּאַפּיראָסן־שאַכטל. אַזוי האָט ער פאַרשריבן אַ שאַכטל פּאַפּיראָסן מיט דראָבנע ציפער, ווי די מוקעס, אונטערגערוקט עס דער מאַמען זי זאָל זען דעם חשבון, און זיך געריבן די הענט פאַר נחת:

— רחל, ס׳איז גאָלד! איין אָוונט גאַליאָרקע וועט דעקן אַ וואָך הוצאות...

די מאַמע האָט געשטופּט פון זיך דאָס שאַכטל, און געקרעכצט:

—אוי, מיישע, נעמסט אויף זיך צרות...

דער טאַטע האָט אויסגעקוקט ציניזעליס געוועזענעם צירק אויף לודוויסאַרסקע גאַס, און געקומען צום אויספיר, אַז דאָרט איז דער ריכטיקער פּלאַץ צו בויען אַ טעאַטער. דעם צירק האָט ער אויסגעקליבן צוליב גאָר אַ וויכטיקער סיבה — דאָרט איז געווען אַ פּאַרטיקער באַלקאָן, אַ גאַליאָרקע פאַר עמך. דעם פּאַרטער האָט ער פאַרטראַכט צו מאַכן אויפן פּלאַץ פון דער אַרענע...

דער טאַטע האָט זיך אַן עצה געהאַלטן מיט רודינען דעם סטאָליער ווי און וואָס. רודין האָט אַ גאַנץ לעבן אָפּגעאַרבעט אין טעאַטער, געוווּסט צו שלעפּן בעת די אַנטראַקטן שטיקער דעקאָראַציעס און קלאַפּן גרויסע טשוועקעס, ס׳זאָל קלינגען דער זאַל. אַ שטים האָט ער געהאַט אַ ברוגזע, פון בויך אַרויס. האָט ער אויסגעבורטשעט:

— איכ׳ל ניט קריכן אויף די צירקאָווע קראָקוועס. איך וויל צוציען מײַנע פאָר יאָר מיט גאַנצע פּיס. פאַר אָט דער אַרבעט זוכט גוים...

דער טאַטע האָט אַזוי געטאָן. ער איז אַוועק אויף נאָווישוויאַט, אַ ווילנער פאָרשטאָט ווו עס האָבן געוווינט די סטאַראָוויערן (אַזוי גערופענע ״אַלט־גלייביקע״ — אָפּגעריסענע פון דער פּראַוואָסלאַוונער צערקווע). יענע זײַנען געווען טעסלאַרעס,

בויער פון האָלץ, מיט אַ נאָמען אין דער גאַנצער געגנט. זײַנען טאָקע דערנאָך געזעסן אין ליידיקן צירק בערדיקע רוסן און געטעסעט מיט שאַרפע העק, ווי די בריטוועס, בעלקעס פאַר דעם טעאַטער. דער טאַטע האָט, ווי זײַן שטייגער איז, געגלעט די באָרד, אומגעגאַנגען צווישן דעם פרישן געהילץ, און געפרוּווט לערנען די סטאַראָוויערן ווי אַזוי צו אַרבעטן...

אזוי האָט דער טאַטע אויסגעבויט דעם "פאָלקס־ טעאַטער".

אין "פאָלקס־טעאַטער" זײַנען געגאַנגען גרויסע פאָרשטעלונגען. אַפילו אַ לעבעדיקער פערד איז אויפגעטראָטן אויף דער בינע. דאָס איז נאָך דאַן געווען אַ זעלטענע זאַך, נאָך אין ייִדישן טעאַטער צו לייגן הוצאות אויף אַזעלכע עפעקטן; אָבער דער שוישפּילער רודאָלף זאַסלאַווסקי, וואָס האָט געשפּילט טביה דער מילכיקער, האָט זיך אײַנגעעקשנט, אַז ער דאַרף אַרויספאָרן אויף דער בינע מיט פערד און וואָגן, ווי שלום־עליכם האָט עס באַשריבן. דער טאַטע האָט אים געגעבן גערעכט און פאַר דעם ליכטיקן אָנדענק פון זײַן פאַרערטן שרײַבער, האָט ער געבראַכט פון האָלץ־מאַרק אַ פערד מיט אַ וואָגן.

מאָריס ליאַמפּע האָט געשפּילט "אַ האַרץ, וואָס בענקט". ווײַבער האָבן זיך געהאַט אַזוי איבערגענומען מיטן "האַרץ, וואָס בענקט", אַז זיי פלעגן שוין גאַנץ פרי קומען צו דער קאַסע, כּדי צו באַקומען ביליקע בילעטן. די "גאַליאָרקע" איז פול געווען און דער טאַטע איז אומגעגאַנגען איבער דעם טעאַטער ווי אַ זיגער איבער דעם שלאַכט־פעלד.

שבת צו נאַכט האָט זיך דער באַלקאָן געבראָכן פון באַזוכער. אַ פרוי האָט דאָרט אַמאָל געחלשט בעת דער סצענע ווי צוויי קינדער זינגען אין דאָס האַרץ, וואָס בענקט אַ טרויעריק ליד מיט אַ רעפרען "כ׳וועל דיר געדענקען, כ׳וועל נאָך דיר בענקען"...די טרײַע באַזוכערינס פון טאַטנס פאָרשטעלונגען פלעגן אַרויסגיין פון טעאַטער מיט רויטע, פאַרשוואָלענע אויגן, שילטן דעם

פאַרפירער מיט טויטענע קללות, און אַראָפּנעמען אַ מוסר השכל פון דער לעבנס־פּיעסע. מענער האָבן געקרימט מיט די נעזער און אינדערשטיל אָפּגעווישט אַ טרער.

אַזוי האָט דער טאַטע אָפּגעגעבן דעם "פאָלקס־טעאַטער" זײַן עמך, מיט וועמען ער איז געווען געקניפּט און געבונדן. דער טעאַטער־בילעט איז ניט געלעגן אין אַ לאַקירענעם בײַטל. ער איז געלעגן אין אַ קאָשיק צווישן אַ בינטל גרינס, אַ שטיקל מאָגערן פלייש און אַ פישל, אַ וואָנצאַק, אויף שבת.

איינמאָל קומט דער טאַטע פון טעאַטער, און אָנשטאָט זיך צו פאָרען מיט זײַן קאָלעקציע צינדר־מאַשינקעלעך (ער האָט געהאַט אַ שוואַבקײַט צו כל מיני פײַער־געצײַג), זעצט ער זיך גאָר אַוועק אויפן ברעג קאַנאַפּע און הייבט אָן רײַבן אַ ברעם. ער האָט געהאַט אַ טבע צו רײַבן די רעכטע ברעם מיט אַ פינגער בעת ס׳האָט אים געטראָגן עפּעס אַ מחשבה. דאָס איז געווען בײַ אים אַן אַלטע געוווינהײַט, נאָך פון דער ישיבה. געוויינטלעך פלעגט דער טאַטע זיצן אַזוי בײַנאַכט, נאָך אַ פאָרשטעלונג. דאָס איז, אָבער, געווען מיטאָג צײַט. די מאַמע איז אַרויס מיטן טעלער צעשניטענעם הערינג פון קיך און דערזען דעם טאַטן ווי ער רײַבט די ברעם, האָט איר אַ צופּ געטאָן בײַם האַרץ. ס׳איז עפּעס ניט גלאַט זײַן זיצן אַזוי אין מיטן טאָג. ער מוז זיכער טראַכטן וועגן עפּעס נײַס אין טעאַטער. ס׳רופט אים די פּאָר פאַרדינטע גראָשן...

...און כך הוה, בײַם טיש האָט דער טאַטע אַ זאָג געטאָן:

— ווייסט, רחל? כ׳האָב גערעדט מיט מענטשן. ס׳זײַנען דאָ טענות אויפן טעאַטער.

די מאַמע האָט ניט געפרעגט וועלכע טענות, נאָר בלויז אויפגעהויבן אויף אים אירע פּאָר קאַרע אויגן, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט.

— די טענות זײַנען, אַז דער אינטעליגענטערער עולם גייט אין פּוילישן טעאַטער, און מ׳דאַרף זיי אָפּציען פון דאָרט.

די מאַמע האָט געשניטן די שפּאַנישע ציבעלע, דעם טאַטנס באַליבטן פאָרשפּײַז, און געברומט אונטער דער נאָז:

— אינטעליגענטן... מען האָט אַ סך פּרנסה פון זיי...

דער טאַטע איז אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע אַנגאַזשירן די באַרימטע "ווילנער טרופּע" אויף גאַסט־שפּילן אין ווילנע, כדי צופרידן צו שטעלן די אינטעליגענטן אין שטאָט. די הוצאות זײַנען געווען זייער גרויס. די טרופּע האָט געשטעלט שווערע באַדינגונגען. דער טאַטע האָט אויך געוווּסט, אַז דער כבוד פון אָט דעם באַזוך וועט ניט פאַלן אויף אים, נאָר אויפן דירעקטאָר פון דער "ווילנער טרופּע" מזא״ה; אָבער דאָס אלץ האָט אים ניט אָפּגעהאַלטן פון זײַן באַשלוס — דערמעגלעכן ווילנע זען די טרופּע, וואָס טראָגט איר נאָמען.

דעם כבוד האָט טאַקע צוגענומען מזא״ה. יענער איז געשטאַנען בײַ דער טיר און באַגריסט אַלע הויך־געשטעלטע געסט בעת דער פּײַערלעכער פּרעמיערע. מזא״ה האָט אויך אויפגענומען זשורנאַליסטן און גערעדט אויף אַלע באַנקעטן; אָבער דער טאַטע האָט געהאַט זײַן באַפרידיקונג — בעת די אַנטראַקטן האָט זיך געדרייט אין פאָיע פון "פּאָלקס־טעאַטער" די ווילנער "סמעטאַנקע", און מיט ייִדישער התלהבות געלויבט אויף פּויליש די פאָרשטעלונג.

געשפּילט האָט מען שײַלאָק פון שעקספּיר. דער שוישפּילער ווייסליץ איז געווען שײַלאָק, און יעקב מאַנסדאָרף איז געווען באַסאַניאָ. מאַנסדאָרף איז גראַציעז אומגעגאַנגען איבער דער בינע אין קורצע, סאַמעטענע הויזן, מיט זאָקן אויף די יונגע, מוסקולירטע פּיס, און אַ באַרכאַטענעם זשאַקעטל אַרויפגעוואָרפן אויף די פעסטע אַקסלען. דער רעקוויזיטאָר זאַקאָוויטש האָט אים אָנגעגורט די לענדן מיט אַ ראַפּיר. מאַנסדאָרף האָט ברייט

געשמייכלט מיט פולע ליפּן און אַ מויל ווײַסע ציין. דער עולם האָט הנאה געהאַט פון זײַן פרישער געשטאַלט. דער עולם האָט אויך הנאה געהאַט פון דעם נײַעם, פרישן טאָן וואָס די "ווילנער טרופּע" האָט געבראַכט אין ייִדישן טעאַטער.

★

וואָס איז געוואָרן פון דעם אַלעם?

די דײַטשן האָבן פאַרוואַנדלט דעם טאַטנס "פאָלקס־טעאַטער" אין אַ גאַראַזש פאַר טאַנקען. דעם באַלקאָן האָבן זיי אַראָפּגעריסן. פאַרן פאַרלאָזן די שטאָט, אין יאָר נײַנצן פיר און פערציק, האָבן זיי דעם טעאַטער חרוב געמאַכט, אויסגעגלײַכט מיט דער ערד. ס'איז ניט געבליבן גאַנץ כאָטש איין בעלקע, וואָס דער טאַטע האָט מיט אַזאַ ליבשאַפט געלייגט אינעם בנין; ער איז אַוועק צו דער גרוב פון אומקום אויף פּאָנאַר צוזאַמען מיט זײַנע צושויער, די טרײַע ווילנער טעאַטער־באַזוכער.

דער טאַטע איז געגאַנגען דעם לעצטן וועג אַליין, אָן דער מאַמען, זײַן יוגנט־ליבע. איר מיט מײַן שוועסטער דבורה, אַליין אַ באַגאַבטע שוישפּילערין, האָבן די דײַטשן נאָך פריער געהאַט געבראַכט זיי אומצוברענגען. אויך דבורהס מאַן, דער אַקטיאָר לייב ווײַנער, איז געגאַנגען מיט זיי.

דעם טאַטנס חלום וועגן טעאַטער, אַקטיאָרן, פאָרשטעלונגען, דעקאָראַציעס, בינע, עפעקטן — די גאַנצע פאַרביקע וועלט, אין וועלכער ער האָט זיך אַזוי אויסגעלעבט, איז פאַרברענט געוואָרן.

דאָס אַש פון אָט דעם חלום טליעט נאָך אַלץ אין מײַן דערמאָנונג וועגן דער פאַרטיליקטער היים.

חנה־מערקע
פון
די פיש

# חנה־מערקע
# פון
# די פיש

ווען דער פאָלקלאָריסט רובינשטיין איז אַוועק פון ווילנע קלײַבן פאָלקלאָר ערגעץ אַנדערשוווּ, האָט דער גאַנצער פיש־מאַרק געקאָכט. רובינשטיין האָט זיך נוהג געווען צו קומען אויפן פיש־מאַרק קלײַבן קללות, זאָגעכצן, סתם גלײַכווערטלעך. די עיקרדיקע צושטעלערין פון אָט דער סחורה איז געווען חנה־מערקע, וואָס האָט געהאַט איר באַלייע פיש גלײַך בײַם אָנהייב מאַרק. האָט רובינשטיין אַזוי לאַנג געקליבן פון איר מאַטעריאַל, ביז ס׳איז געוואָרן בײַ זיי אַ שטיקל ליבע. חנה־מערקע איז צום פאָלקלאָריסט צוגעזאָטן געוואָרן, כאָטש יענער האָט געהאַט איין פוס אַ ביסל אַ קירצערן. די איבעריקע פישערקעס, דער עיקר צירל די פאַגעגעלע, האָבן שוין געזען אַ שידוך. האָט רובינשטיין, דער אַלטער באָק, זיך דערשראָקן, אַוועק אויפן דורכהויף ווו מען האָט פאַרקויפט אַלטע זאַכן, דאָרטן אײַנגעהאַנדלט אַ גרינעם רוקזאַק און אַוועקגעהונקען פון ווילנע אויף ניט זיך אומצוקערן.

חנה־מערקע האָט זייער איבערגעלעבט זײַן פאַרשווינדן. חוץ דעם כּבוד וואָס אַזאַ מענטש האָט אָנגעהויבן אַרײַנקומען צו איר אָפּעסן אַ שטיקל שלײַן, אָדער סתּם אויף אַ גלאָז טיי מיט באַבקע, איז ער איר אַרײַנגעקראָכן אין סאַמע האַרץ אַרײַן. ס׳איז שוין געווען אַ גוטע פּאָר יאָר ווי איר מאַן, אָרקע דער זאַוואַדניק, איז דערטרונקען געוואָרן אין דער נאַראָטשער אָזיערע, און זי האָט געבענקט נאָך אַ נאָענטן אָטעם. דער פאָלקלאָריסט רובינשטיין, אויסער זײַן פוס, איז געווען אַ גאַנץ פאָסטאַוונער מאַנצביל. דער

עיקר, אָבער, בײַ חנה־מערקען איז געווען זײַן איידלקייט. זײַן זיצן אַרטיק בײַם טיש און ניט פּרוּוון פֿאַרלייגן אַ האַנט אויף איר.

★

וואָס איז דערפֿון, אַז פֿון דעם איז גאָרניט געוואָרן. רובינשטיין איז אַוועק פֿון ווילנע און מער ניט געלאָזט הערן פֿון זיך. האָט חנה־מערקע ווידער אָנגעטאָן די אַלמנה אויף זיך און געזוכט דערטרינקען איר אומעט אין דער באַלייע פֿיש. אמת, זי האָט שוין ניט געוואָרפֿן מיט גלײַכווערטלעך און קללות ווי פֿריער, אָבער פֿון מאָל צו מאָל האָט זיך אַרויסגעכאַפּט בײַ איר אַ זאָגעכץ, וואָס איז מסוגל געווען צו פֿאַרקריכן אין זיבעטן ריפּ. אַפֿילו אַ גוטע לייזונג האָט איר ניט געקאָנט דערמונטערן. אָט האָט זי אין איין קורצן פֿרײַטיק, למשל, אָפּגערייניקט די גאַנצע באַלייע פֿון אַ באַרג פֿלאָטקעס. האָט זי ניט אַ פֿליובע געטאָן דאָס וואַסער איבערן גאַנצן מאַרק ווי אַמאָל, ווען זי איז געווען אין פֿאָלנעם גלאַנץ, נאָר געלאָזט ריזלען דאָס וואַסער ממש אונטער די פֿיס, שטיל, באַשיידן, גאָרניט ווי איר פֿיר ווי די קאָמענדאַנטקע פֿון פֿיש־מאַרק.

די אַנדערע פֿישערקעס האָבן גוט פֿאַרשטאַנען איר געמיט. אָט האָט זיך איר, חנה־מערקען, געחלומט אַ זיסער חלום און ס'האָט זיך פֿון דעם אויסגעלאָזט אַ טײַך. צירל די פּאַגעגעלע, וואָס האָט געהאַט איר באַלייע בשכנות מיט חנה־מערקען, האָט געפּלאַמט און געפֿײַערט. זי האָט געצישעט, אַז אַזאַ רובינשטיינען האָט מען געדאַרפֿט אויסדרייען די צווייטע פֿוס איידער ער האָט אָנגעהויבן קומען אויפֿן מאַרק קלײַבן קללות. צירל האָט ניט געוווּסט ווי צו טרייסטן חנה־מערקען. זאָגן איר, אַז אָשר די קוקייקע, טאַקע פֿון דער בראַנזשע, חלשט פֿאַר איר, וויל זי נעמען ווי זי שטייט און גייט, ממש אין איין העמד? יענע האָט שוין פֿאַרזוכט עפּעס בעסערס — אַ מענטש מיט אַ פֿעדער אין האַנט, וועט דאָס פֿאַר איר ניט זײַן קיין טרייסט. אָשר די קוקייקע איז טאַקע אַ נאָמען בײַ

די פיש, אָבער צו רובינשטיינען קומט ער ניט. פון דעסטוועגן האָט צירל די פּאַגעגעלע באַשלאָסן צו רעדן מיט חנה־מערקען, אַז דאָס איז ניט קיין וועג זיך אויפעסן אַ לעבעדיקע צוליב דעם קולעהײַ, דעם פּאָלקלאָריסט. יענער האָט ניט פאַרשטאַנען ווי אָפּצושאַצן, ניט די קללות מיט די גלײַכווערטלעך, וואָס ער האָט פאַרדינט, ניט אַ פּרויען־צימער, בײַ וועמען ער וואָלט געהאַט אַ טעלער מיט אַ לעפל און אַ גוט שטיקל פיש, איז זאָל ער גיין און מאַכן אונטער זיך, וועט ער האָבן געלע שיך אויף פּסח...

דאָס האָט צירל די פּאַגעגעלע געוואָלט זאָגן חנה־מערקען און אַ סוף זאָל נעמען צו איר קלעמעניש.

זענען זיי ביידע געגאַנגען אין אַ זומערדיקן פרײַטיק צוריק פון מאַרק אַהיים. חנה־מערקע, וואָס האָט תמיד געהאַט אַ מויל אויף שרויפן, גערעדט פאַר פּײַער און פאַר וואַסער, האָט ניט אויסגערעדט קיין וואָרט. צירל די פּאַגעגעלע האָט זי געמונטערט:

— חנה־מערקע, אַ קלאָג צו די מענער. אַרום און אַרום זענען זיי דאָך דאָ ווי די הינט. קיין מיאוסע ביסטו ניט. דו קאָנסט דאָך אַוואַדע זאָגן — גוט מאָרגן, שפּיגעלע, צורקעלע האָב קיין צער ניט...

חנה־מערקע האָט אָפּגעזיפצט:

— דעם זאָג האָב איך געהייסן פאַרשרײַבן רובינשטיינען...

צירל איז געוואָרן אויפגעקאָכט:

— שוין ווידער רובינשטיין? אָט דער קולעהײַ קריכט דיר פון קאָפּ ניט אַרויס! ער האָט אויסגענוצט דײַנע זאָגעכצן און אַוועק זוכן אַנדערשוווּ ווו אײַנצוהאַנדלען אַ געניצטן ראַמש סחורה. אַ מכּה וועט ער געפינען אויסער ווילנע, וואָס צו פאַרשרײַבן. דאָס וואָס דו האָסט אים געגעבן אין איין וואָך, וועט ער דאַרפן אויסהינקען די גאַנצע געגנט אַ יאָר, וועט דאָס אויך ניט האָבן דעם ווילנער טעם.

חנה־מערקע האָט דערווידערט:

— ער האָט אַמאָל געזאָגט, אַז אין ביאַליסטאָק...

— וואָס ביאַליסטאָק, ווען ביאַליסטאָק — האָט זיך אויפגערעגט צירל — ווי קומט דאָס צו ווילנע? אָט האָסטו דאָך דעם בעסטן סימן — דער אינסטיטוט, נו, ווי הייסט ער...

— דער יִידישער אינסטיטוט...

— זע, ווי דו געדענקסט דעם נאָמען — האָט צירל באַוווּנדערט דער חברטעס זכּרון — טאַקע אָט דעם אינסטיטוט האָט מען אויסגעבויט ניט אין ביאַליסטאָק, ניט אין גראָדנע, ניט אין גרויס־ווילייקע, נאָר טאַקע אין ווילנע. ווײַל ווילנע איז אַ שטאָט מיט קללות, מיט גלײַבווערטלעך, מיט משוגעים. איינע אין איינע. ס'איז דאָ פון וואָס צו נעמען פאַר אַזאַ אינסטיטוט...

— וואָס איז דערפון? אָט האָט ער גענומען און אַוועק אין אַן אַנדער שטאָט קלײַבן זאַכן פאַר אָט דעם אינסטיטוט.

— איז ער אַוועק...וואָס מיינסטו, דאָס געשעפט וועט אײַנפאַלן?

... און דאָ איז צירל אַרויס מיט אַ פּלאַן פאַר דער חברטע, וואָס אַ דאַנק אים, אָט דעם פּלאַן, איז דער יִידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט, ייִוואָ, אין ווילנע, באַרײַכערט געוואָרן מיט אַ קאָלעקציע קללות, ווערטלעך, זאָגעכצן מקנא צו זײַן.

צירל האָט אײַנגערעדט חנה־מערקען, ניט מער און ניט ווייניקער, זי זאָל אַוועקגיין אין אינסטיטוט און זיי פאָרלייגן נעמען בײַ איר פאָלקלאָר. אַלץ וואָס רובינשטיין האָט געבראַכט, איז דאָך געווען פון איר, פון חנה־מערקען. איז אָט וועט זי אַליין ברענגען די סחורה און זאָל רובינשטיין אוועקפּלאַצן. קיין בעסערע נקמה איז אויף אים ניטאָ.

חנה־מערקע האָט ניט געטראַכט וועגן נקמה. אמת, עס האָט איר גוט געברענט דאָס האַרץ אויף רובינשטיינען, וואָס ער האָט דערלאָזט זיך צוגעוויינען צו אים און אין מיטן גענומען און פאַרלאָזט די שטאָט. חנה־מערקע האָט געמאַכט דעם אויספיר, אַז

זי איז אים פּשוט ניט געפעלן געוואָרן. אפשר איז אים דער יחוס ניט אָנגעשטאַנען. איז וואָס איז דאָ צו רעדן וועגן נקמה?

★

חנה־מערקען איז אַרײַן אין קאָפּ צירלס פּלאַן צוליב גאָר אַן אַנדער סיבה. אין משך פון די פּאָר חדשים וואָס זי איז געווען מיט דעם פאָלקלאָריסט, האָט זי זיך אַ ביסל אָנגעשטעקט מיט דער פאָלקלאָר־קראַנקײַט.

צו ערשט האָט זי געקווענטשט מיט די אַקסלען, צו וואָס דאַרף מען דאָס; אָבער ביסלעכווײַז, ביסלעכווײַז האָט זי אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז טאַקע אַזוי — ס'וועלן פאַרגעסן ווערן אַלע קללות, אַלע זידלערײַען, די שפּיציקע ווערטלעך, זאָגעכצן. אין יאָרן אַרום וועט מען מיינען, אַז דאָס לעבן אין ווילנע איז געגאַנגען אויף טרוקן, אָן אַ וויץ, אָן אַ שטעך־ ווערטל, ווי עס וואָלטן גאָר ניט געווען אין ווילנע קיין בויבעס, די וואָס שלעפּן קונדן פון גאַס אין די קראָמען, אָדער קיין באָבעסניצעס, וועלבע פאַרקויפן געקאָכטע באָבעס מיט אַ ווערטל און מיט אַ ניגון, אָדער אַפילו די פיש־הענדלערקעס פון זאַרעטשער מאַרק. אַרום און אַרום איז דאָך חנה־מערקע ניט געווען קיין פויערטע פון דאָרף. ווי ניט האָט זי באַוויזן דורכגיין אַ פּאָר קלאַסן אין דער פאָלקס־שול פאַר מיידלעך אויפן נאָמען פון דבורה קופּערשטיין. דער לערער גרשון פּלודערמאַכער האָט איר צוגעווינט האַלטן אַ פּעדער אין האַנט. דער פאָלקלאָריסט רובינשטיין האָט אָפּגעקראַצט אַ ביסעלע פון איר די פאַרגרעבטקײַט, וואָס עס נעמט אויף זיך אַ פיש־הענדלערקע, ווײַל דאָס שטיקל ברויט פאָדערט דאָס, איז שוין אַרויס אַ שטיקעלע בליאַסק פון דער שול און פון לערער פּלודערמאַכערס קנעלונג.

★

איז אין אַ שיינעם פרימאָרגן אַוועק חנה־מערקע אין אינסטיטוט רעדן וועגן צושטעלן פּראָדוקציע. געוואָלט האָט זי

רעדן מיט דעם גלאַוונעם באַלעבאָס, אַזוי האָט זי געזאָגט. דער גלאַוונער באַלעבאָס פון אינסטיטוט איז דאָך געווען דאָקטאָר מאַקס ווײַנרײַך. עפּעס איינע אַ מיאוסקײַט, וואָס מען האָט איר געדופן זעלדע די אַספּיראַנטקע, האָט זיך געוואָרפן און געשלײַדערט — וואָס גייט מען דאָ פאַרדרייען אַ קאָפּ דאָקטאָר ווײַנרײַכן. חנה־מערקע, אָבער, האָט זיך ניט אונטערגעגעבן, זי האָט געזאָגט, אַז נישקשה, זי האָט דאָ אין אינסטיטוט אויך אַ שטיקל חלק. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט און מען האָט זיך געבאַפּט, אַז אָט די, מיט דעם גאָלדענעם פּאָדערשטן צאָן, איז דאָך רובינשטיינס מקור פון פאָלקלאָר. איר נאָמען פיגורירט דאָך אויף זײַנע רשימות. מען האָט איר דאָך עטלעכע מאָל געזען פאַר דעם אַרײַנגאַנג אין אינסטיטוט, ווען רובינשטיין איז נאָך דאָ געווען.

די ערשטע האָט זי טאַקע דערקענט זעלדע די אַספּיראַנטקע, וואָס האָט נאָך פריִער געוואָרפן אַן אויג אויף רובינשטיינען.

דאָקטאָר ווײַנרײַך האָט זיך דווקא זייער דערפרייט מיט חנה־מערקען. ער האָט אין איר געזען אַ באַשטעטיקונג פון זײַן טעאָריע, אַז וויסנשאַפט אָן דאָס פאָלק איז קיין גראָשן ניט ווערט. ערשט דאָ ניט לאַנג האָט ער געשריבן וועגן דעם אַן אַרטיקל אין אָרגאַן פון אינסטיטוט, האָט ער חנה־מערקען אַוועקגעזעצט געגן איבער זײַן שרײַב־טיש, אויסגעווישט די ברילן און גערעדט מיט איר תכלית. אַדרבא, זאָל זי ברענגען וואָס מער מאַטעריאַל, פון אַלע סאָרטן. דאָ, אין אינסטיטוט וועט מען דאָס פונאַנדערלייגן ווי מען דאַרף. ער האָט איר פאַרזיכערט, אַז דאָס וואָס זי האָט צוגעשטעלט רובינשטיינען איז גאָלד מיט בריליאַנטן. יעדע קללה, איטלעך ווערטל איז צו פאַרצוקערן.

חנה־מערקע איז אַוועק פון אינסטיטוט זייער דערהויבן. דאָקטאָר ווײַנרײַך האָט איר געזאָגט:

— פרײַלן סאָלאָדוכין, איר האָט דעם זיבעטן חן... פון איין שמועס מיט אײַך קאָן מען אויפקלײַבן אַ קראַנץ פּערל פאַר ייִדיש...

ס'איז אמת געווען. חנה־מערקע האָט אַוועקגעלייגט דאָקטאָר ווײַנרײַבן אַ לשון, איז אים געוואָרן וואַרעם אין די גלידער.

★

די ערשטע רשימה וואָס חנה־מערקע האָט צוגעשטעלט, איז געווען ווילנער קללות. ניט אַלע קללות האָט זי געהאַט אַרײַנגענומען, ווײַל אַנדערע זענען געווען צו האַמעטנע, אין מויל ניט צו נעמען. ווי ניט איז, אָבער, האָט זיך אויפגעקליבן בײַ איר אַ פעקל ווינטשעוואַניעס, וואָס זענען אויך געווען גאָר ווײַט פון ראש־השנה־ברכות. אָט זענען זיי:

— אַ שטרוי דיר אין אויג און אַ שפּאָן דיר אין אויער, און זאָלסט ניט וויסן וואָס פריער אַרויסצוציִען.

— ווי לאַנג קרענקט זי? אַז זי וועט ליגן אין היץ נאָך אַ מאָנאַט, וועט זײַן פינף וואָכן.

— אַ פיש־קניידל זאָל זיך דיר שטעלן אין האַלדז.

— מען זאָל רופן צו דיר סראָטשנע אַ דאָקטאָר, און אַז יענער וועט קומען זאָל מען אים זאָגן, אַז מען דאַרף שוין ניט...

— אין אַ ווינטערדיקער נאַכט זאָלן דיר רײַסן די ציין און אין אַ זומערדיקן טאָג זאָלסטו גיין צו קינד.

— וואַקסן זאָלסטו ווי אַ ציבעלע — מיטן קאָפּ אין דר'ערד.

— מען זאָל דיר אַרויסרײַסן אַלע ציינער, נאָר איינעם זאָל מען איבערלאָזן אויף ציין־ווייטאָג.

— דאָקטוירים זאָלן וויסן פון דיר און דו פון דאָקטוירים.

— זאָלסט אַזוי שיין רעדן, אַז נאָר קעץ זאָלן דיר פאַרשטיין.

— ס'זאָל אים זײַן גוט אויפן גוטן אָרט...

— זאָלסט ווערן משוגע אין אַ גרעסערער שטאָט ווי ווילנע, וועסטו זײַן אַ געמאַכטער מענטש.

חנה־מערקע האָט נאָך געוואָלט צושרײַבן — זאָלסט אַראָפּשלינגען אַ שירעם און ער זאָל זיך דיר עפענען אין בויך, האָט זי זיך געכאַפּט, אַז די קללה איז שוין אַרײַן אין

שוסטער־גאַס. אַפילו אין ייִדישן טעאַטער ניצט מען זי. האָט זי אויסגעמעקט די קללה פון דער רשימה.

★

... זיצט חנה־מערקע אין די אָוונטן בײַ זיך אין אַלקער אויף יאַטקעווער גאַס און שטעלט צו רשימות פאַרן ייִוואָ. דאָקטאָר ווײַנרײַך האָט איר געזאָגט, אַז אַלץ איז סחורה. זאָל זי פאַרשרײַבן, למשל, באַזונדערע ווערטער, וואָס האָבן אַ שײַכות צו פיש־פאַנג. ווי הייסט אויף ייִדיש דאָס אָדער יענץ געצײַג. האָט זי טאַקע צוגעגרייט פאַר אים אָט די באַשטעלונג. פון אויבן האָט זי אָנגעשריבן:

ווערטער, וואָס מען באַנוצט בײַם כאַפּן פיש, געהערט פון מײַן מאַן אָרקע דער זאַוואַדניק, דערטרונקען געוואָרן אין דער נאַראָטשער אָזיערע:

— אַ זאַוואַדניק — דער וואָס זעצט אָפּ אַ נעץ.

— טאָניעווען — אַרויסציִען די נעץ פון וואַסער.

—דורכשווענקען די אָזיערע — דורכגיין מיט די נעצן פון ברעג צו ברעג.

- ווען די פיש לאָזן איקרע זאָגט מען־זיי שפּילן.

ווי אַ קאָמפּאָט האָט חנה־מערקע צוגעשריבן די נעמען פון אַלע סאָרטן עפּל און באַרנעס:

עפּל זענען פאַראַן — טולסקע, פּאַפּינקעס, אָליוונע, סיערע, אַפּאָרטן, טשערנאָהוזן.

בערנעס זענען פאַראַן — מאַרגאַראַטקעס, סאַפּעזשאַנקעס, בורעס.

די נעמען פון די פרוכטן האָט זי אויפגענומען אויפן האָלץ־מאַרק. די ווײַבער בײַ די קאָשיקעס האָבן זיך איבערגעקוקט ווען חנה־מערקע האָט אָנגעהויבן פרעגן און פאַרשרײַבן אויף אַ ברעקל פּאַפּיר, וואָס מען האָט איר געזאָגט. נאָך דעם האָבן זיי

שטאַרק באַדויערט, וואָס זי איז, נעבעך, געוואָרן פֿאַרדרעטשעט צוליב עפּעס אַ קולעהײַ, וואָס פֿלעגט אויך קומען פֿרעגן און פֿאַרשרײַבן. אַלע ווילנער מערק האָבן געוווּסט חנה־מערקעס מעשה מיט רובינשטיינען.

★

אין אינסטיטוט איז געווען פֿריילעך. אַלע אַספּיראַנטן און סתּם קורסאַנטן פֿון ניט־הי האָבן זיך געקוויקט מיט דער לעצטער רשימה גלײַך־ווערטלעך, וואָס חנה־מערקע האָט צוגעשטעלט. נאָך יעדער איבערגעלייענטן גלײַך־ווערטל האָט די גאַנצע חבֿרה געהאַט אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. בלויז זעלדע די אַספּיראַנטקע, די ספּעציאַליסטקע פֿון ייִדישע מאַכלים, האָט זיך געקרימט. זי האָט געטענהט, אַז חנה־מערקעס זאַמלונגען זענען ניט ווינסנשאַפֿטלעך באַגרינדעט, און ניט געזאַמלט מיט אַ געהעריקן שליסל, וואָס עס פֿאָדערט די ריכטיקע עטנאָגראַפֿיע. דאָס אַרודעווען מיט הויכע טערמינען האָט איר גאָרניט געהאָלפֿן. דאָקטאָר ווײַנרײַך האָט געזאָגט, אַז מען וועט חנה־מערקעס זאַמלונגען אַ מאָל אָפּשאַצן זייער הויך, ווײַל זיי זענען אויטענטיש און ממש גענומען פֿונעם פֿאָלקס־מויל. ווי אַ צייכן פֿון אָנערקענונג פֿאַר חנה־מערקעס מאַטעריאַל, האָט ער גענומען די רשימה מיט די גלײַכווערטלעך אין האַנט, און אויפֿן קול געלייענט פֿאַר די אויפֿגעזאַמלטע:

— צו דער שפּיץ ברוסט האָט יעדער אַ גלוסט.

— אַ ווײַב, וואָס הייסט ברכה, קאָן אַ מאָל זײַן די גרעסטע קללה.

— אַז עס ברענט קאָן אַ פֿאַמוניצע אויך לעשן.

— אַ געשוואָלענער מעג אַלץ עסן.

— אויף אַ מיאוס מיידל: זי זעט אויס ווי אַ קאַסאָקער הערינג אויף האַלב־הויכע קנאָפּל...

— גאָט איז אַן ערלעכער באַצאָלער, נאָר אַ מארודניק.

— אַ שטיוול האָט אויך אויערן.

— איין אויג מוז אויך שלאָפן.

— ווען קלאָגט אַן אָרעמאַן? ווען ער האָט צוויי חתונות אין איין טאָג.

— מען זאָל געבן אַ שלעכטע וואָג, אָבער אַ מענטש זאָל מען בלײַבן.

דאָ האָט זיך דאָקטאָר ווײַנרײַך פֿאַרקײַכט מיט זײַן אייגענעם געלעכטער און איבערגעריסן פֿאָרלייענען חנה־מערקעס זאַמלונג גלײַכווערטלעך און זאָגעכצן, געהערטע אין ווילנע.

★

חנה־מערקע איז געשטאַנען אין אַ הייסן זומערטאָג בײַ דער באַליִע און געבענקט נאָך דער רגע, ווען ס׳וועט צוקומען אַ קונה כאַפּן בײַ איר אַ מציאה די לעצטע פּאָר וואָנצאַקעס. די לעצטע צײַט האָט זי פֿאַרלאָרן דעם אַפּעטיט צום גאַנצן מיסחר. חנה־מערקע האָט אָנגעהויבן שפּינען פֿאַרשיידענע פּלענער: אפשר אַריבערגיין צו אַן אַנדער בראַנזשע. אָט האָט איר איצקע דער געלער פֿאָרגעלייגט אַ שותפות אין זײַן קנײַפּע, טאַקע אויף יאַטקעווער גאַס, ניט ווײַט פֿון איר אַלקער. צירל די פּאַגעגעלע האָט געוואָרנט דאָס ניט טאָן. אַ באַליִע פֿיש איז אַן אָפֿן געשעפֿט. געפֿעלט דיר ניט דער קונד, גיסט אים אַ יאָג אָפּ מיט אַן עק פֿון אַ שלײַען, און זאָגסט:

— מאַדאַם, קויפֿט שטינקעס. די פֿיש איז ניט פֿאַר אײַך...

אין אַ קנײַפּע, אָבער, קומען פֿאַרשיידענע בורילעס און דאַרפֿסט נאָך פֿאַר זיי שטשירען די ציין, דרייען די טאַליע און פֿרעגן וואָס עס שמעקט זיי, אין דער צײַט ווען עס שמעקט פֿון זיי... דאָ, בײַ דער באַליִע, איז זי חנה־מערקע, וואָס די גאַנצע שטאָט קען זי, און בײַ איצקע דעם געלן וועט זי זײַן בלויז

חנה־מערקע די דערלאַנגערקע.

האָט חנה־מערקע אויפגעגעבן דעם פּלאַן, אָבער פון שטיין בײַ דער באַלייע איז זי ניט געווען גליקלעך. ווען רובינשטיין פלעגט קומען צו איר, האָט זי זיך געפילט מער געהויבן. אָט נעמט מען איר אויף אין אינסטיטוט ווי אַ קייסערינע. מען צאַצקעט זיך מיט איר. דאָקטאָר ווײַנרײַך דריקט איר די האַנט. ווען זי קאָן זיך אין גאַנצן אַריבערוואַרפן אויף פאָלקלאָר, אָט אַזוי ווי יענע דאָרטן, די יונגעלײַט מיט די מיידלעך, וואָס אַרבעטן אין אינסטיטוט. אָבער יענע זענען אַזעלכע געלערנטע, ווער קאָן זיך גלײַכן צו זיי? בלײַבט די באַלייע פיש.

חנה־מערקע האָט אָפּגעזיפצט און געזוכט מיט די אויגן אַ קונד. אַמאָל, איידער זי האָט זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען מיט פאָלקלאָר, פלעגט זי זיך ניט אָפּהאַלטן פון אויסשרײַען אַ גלײַכווערטל, אַ רוף טאָן אַ קונד פון דער ווײַט, פאַרלויבן אויפן קול די סחורה. איצט, אָבער, האָט זי אָנגעהויבן פירן אַ סאָלידן האַנדל, וואָס דאָס איז גאָרניט געווען לטובת דער באַלייע פיש.

צירל די פאַגעגעלע האָט זיך געגריזשעט. געזען ווי די חברטע גייט אַראָפּ און אַראָפּ. האָט זי איר פירגעזאָגט, געמוסרט. ס׳איז שוין, אָבער, ניט געווען די זעלבע חנה־מערקע. דער איינציקער גלאַנץ וואָס איז איר געבליבן, איז געווען פון דעם גאָלדענעם צאָן אין מויל. נאָך אַ ביסל און זי וואָלט געוואָרן ענלעך אויף זעלדען די אַספּיראַנטקע, די גרויע, אַלטע מאַד.

... און אַזוי ווי זי שטייט, חנה־מערקע, און וואַרט אויף אַ לעצטן קונד, זעט זי פון דער ווײַט, בײַם עק מאַרק, אַ הינקעדיקן מאַן אין גאַנג. ער ציט דעם האַרטן פוס נאָך זיך, און שטעלט זיך אָפּ נאָך יעדע צען, צוועלף טריט, אפשר צוליב דער היץ. אַזוי שלעפּט ער זיך צו דער ריי באַלייעס און וואָס מער ער דערנענטערט זיך, שיילט זיך אויס אין העלן שײַן, וואָס די זון וואַרפט בשפע, אַ גרינער רוקזאַק, אויפגעהאַנגען אויף איין שלייע

בײַם זײַט פֿון הינקעדיקן וואַנדערער.

חנה־מערקע שטייט בײַ דער באַלייע אַ פֿאַרשטאַרטע. זי האָט ניט קיין טעות. דאָס איז רובינשטיין, דער פֿאָלקלאָריסט. צו נאָענט איז זי געווען מיט אים, זי זאָל איצט האָבן אַ טעות. גייט ער טאַקע צו איר און אָט איז ער שוין באַלד לעבן איר. ווייס זי ניט וואָס צו טאָן. שטייט זי אַזוי און רובינשטיין דאַרף מאַכן דעם לעצטן צעהונקענעם טראָט, כּדי ער זאָל דערגרייכן חנה־מערקעס האַנט, אַ פֿאַרשטשעמעטע אין ראַנד פֿון דער באַלייע.

רובינשטיין האָט געמאַכט אָט דעם טראָט. זײַן האַנט האָט פֿאַרדריקט חנה־מערקעס פֿינגער. זענען זיי געשטאַנען אַזוי אָן איין וואָרט.

די רייד האָבן ביידע איבערגעלאָזט אויף שפּעטער, ווען זיי זענען ביידע געזעסן בײַם טיש אין חנה־מערקעס אַלקער און רובינשטיין האָט זיך געקוויקט מיט אַ גלאָז טיי און אַ שטיקל געפֿילטע פֿיש.

די ווילנער האָבן ניט געקאָנט בלײַבן אין זייער היימשטאָט נאָכן חורבן, נאָך דעם ווי די ערד דאָרט איז דורכגעזאַפּט מיטן בלוט פון אונדזערע נאָענטסטע און טײַערסטע. זענען מיר אַלע אַוועק אין דער וועלט־ווער מיט אַ ציל און ווער ווו די אויגן האָבן אים געטראָגן.

איך גיי זיי נאָך מיט מײַן געשריבענעם וואָרט. זיי זענען אַלע נאָענט צו מײַן האַרץ. איך וויל זיי ניט פאַרלירן פון זכּרון.

# עטקעס רינג
# מיט
# דעם סאַפּיר־שטיין

# עטקעס רינג
# מיט
# דעם סאַפּיר־שטיין

דאָ ניט לאַנג גיי איך אויף דער אַרלאַזאַראָוו־גאַס, אין תל־אביב, הער איך ווי עמעץ שרײַט הינטער מיר:

— היי, לייזער, קאַראַפּוז!

דעם צונאָמען קאַראַפּוז האָט מען געוווסט בלויז אין מײַן פּלמ״ח־איינהײַט. דאָרט האָט מען מיר אים צוגעקלעפּט צוליב מײַן נידעריקן וווקס. דאָס לעצטע מאָל האָב איך געהערט אָט דעם טיטל אין יאָר 1948, ווען מען האָט פאַנאַנדערגעלאָזט דעם פּלמ״ח. איך בין אַרויס פון קיבוץ און אַוועק אין שטאָט אַרבעטן ווי אַ שאָפער אין ״תנובה״, וואָס פאַרזאָרגט מיט מילכיקס דאָס גאַנצע לאַנד. ווײַזט זיך גאָר אַרויס, אַז מײַן צונאָמען איז ניט פאַרגעסן געוואָרן, כאָטש ס׳זענען אַוועקגעלאָפן אַ יאָר פערציק פון יענער צײַט.

האָב איך אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דעם שרײַער, און וועמען זע איך, אויב ניט דעם מפקד פון מײַן איינהײַט, הײַני ראָזען, דעם יעקע. מיר האָבן זיך ביידע אַרומגעכאַפּט, געקלאַפּט איינער דעם אַנדערן איבער די אַקסלען. הײַני האָט אַ צופרידענער געשמייכלט:

— כ׳האָב דיך גלײַך דערקאָנט. לויט דײַן גאַנג. מיטן קאָפּ פאָראויס, ווי דו וואָלסט דאַרפן האַקן מיט אים ווענט.

איך האָב מײַן מפקד אויך גלײַך דערקענט. אַזוי שפּאַנען, ווי אַן אָפיציר אין אַ גאַרסעט, בײַ זײַנע זעכציקער, האָט געקאָנט בלויז אַזאַ הײַני ראָזען. ער איז געווען דער איינציקער צווישן אונדז, וואָס האָט ניט אָנערקענט די מגושמדיקע שיך מיט די וואָלענע שקאַרפּעטן, סײַ זומער און ווינטער. הײַני האָט פּאַראַדירט אין אַ

פּאָר געמזענע שטיוול און רײַט־הויזן. ער האָט זיך געקאָנט דערלויבן אויף דעם. זײַן טאַטע האָט פֿאַרמאָגט אַן אַפּטייק אין תל־אביב, און מיר, די קיבוצניקעס, האָבן קוים געהאַט אויף זייער אויסקומעניש. מען האָט זיך נאָר געוווּנדערט ווי ער, הײַני, האָט עס געקאָנט אויסהיטן זײַן אַנטועכץ פֿון די בלאָטעס, פֿון די אָקאָפּעס, פֿון אַלע העלן, וואָס מיר האָבן געדאַרפֿט דורכגיין בעת די קאַמפֿן מיט די אַראַבישע באַנדעס, דער עיקרשט אויפֿן וועג צו דעם באַלאַגערטן ירושלים.

איצט איז ער געווען אָנגעטאָן אין אַ דרײַ־טייליקן אָנצוג און אַ קראַוואַט, אַקוראַט פֿאַרבונדן אונטער דעם דאָפּלטן קין. איך בין אַרויס פֿון דער היים מקבל זײַן דעם ערשטן פֿרילינג־גרוס אין חודש מערץ מיט אַן אָפּגעטראָגענעם ווינט־יאַק און אַ פּאָר דרעליך־הויזן, נאָך פֿון די יאָרן ווען כ׳האָב געאַרבעט בײַם שאָפֿירן דעם לאַסט־אויטאָ פֿון "תנובה".

אין די פּלמ״חישע צײַטן האָט מיר זײַן אויסגעפּוצטער הולך געשטערט. אָבער איצט האָט מיר זײַן אָנצוג אַ ביסל דערוווּנדערט פֿון אים, אַזוי ווי מיר וואָלטן נישט געהאַט קיין בשותּפֿותדיקע זכרונות פֿון אַ דורכגעגאַנגענעם וועג מיט געווער אין האַנט. ביז דעם אויפֿקום פֿון דער מדינה איז אָט דער צופֿרידענער יעקע מיט די געבאַליעטע וואָנסן געווען מײַן מפֿקד, געגעבן באַפֿעלן און גלײַך מיט אַלע געלאָפֿן אין פֿײַער. און דאָ האָט ער זיך אײַנגעטשעפּעט — מען מוז אַרײַנגיין ערגעץ צוזאַמען אָפּעסן, אויסטרינקען אַ גלעזל קאָניאַק, שמועסן אַ ביסל, זיך דערמאָנען פֿאַרגאַנגענע טעג. ס׳האָבן ניט געהאָלפֿן מײַנע תּירוצים, אַז דאָס ווײַב איז ניט געזונט, כ׳מוז גיין אַהיים. לסוף האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט אין רעסטאָראַנדל "די אויסשפּירער", אויפֿן ראָג גאַס, ווו מען קאָן אין מיטן וואָך באַקומען טשאָלנט מיט קישקע. דאָס אָרט קאָן איך דווקא גוט. איך כאַפּ זיך דאָרט אַרײַן פֿון מאָל צו מאָל שמועסן מיט דעם באַלעבאָס, וואָס איז אַ געוועזענער

פּאַרטיזאַן פון מײַנע געגנטן.

זענען מיר געזעסן איבער צוויי טעלער פּאַרברווינטע קאַרטאָפּל מיט שטיקער גלאַנציקע קישקע, און הײַני האָט געקרעכצט פון נחת:

— גוט...

אויסגעטרונקען אַ פּאָר גלעזלעך קאָניאַק, רופט זיך הײַני אָפּ צו מיר:

— לייזער, דו ווייסט? אַזוי ווי דו זעסט, בענקט זיך נאָך יענע יאָרן.

— דו מײנסט די יונגע יאָרן.

— ניין, נאָך די יאָרן... נו, ווי זאָל איך דיר זאָגן...

— ווי איך זע דיר, האָסטו ניט צוגעלייגט צו דער צײַט, הײַנט וואָס איז צו בענקען נאָך יענע יאָרן?

— עס בענקט זיך נאָך דעם חלום...

— דער חלום איז דאָך געוווען די מדינה. אָט האָבן מיר זי.

— ניין, ניט דאָס מיין איך, איך מיין... אָט, למשל, האָבן מיר זיך צענדליקער יאָרן ניט געזען און מיר זיצן ביידע, עסן טשאָלנט, ווי מיר וואָלטן זיך ערשט פּאַראַכטאָגן געזעגנט. איך מיין וועגן די יאָרן פון פּלמ״ח. ווען מען איז געווען אַזוי אייניק, ווען מען האָט אַלץ געגעבן פון זיך און גאָרנישט פּאַרלאַנגט דערפאַר...

הײַני האָט זיך געפּאָרעט מיט אַ פּאַרבאַקטן קאַרטאָפּל און אַרײַנגערעדט אין טעלער אַריין:

— איך טראַכט וועגן די ערשטע יאָרן, ווען מען איז געקומען אין לאַנד אַרײַן...

— זיך דערמאָנט... הײַני, יענע יאָרן וועלן זיך מער נישט אומקערן. ס׳איז אַן אַנדער צײַט.

★

...ווער וואָלט איצט געטראַכט צו קומען קיין ישראל אויף אַ

ראָוער? איצט וויל מען מיט קיין עראָפּלאַנען ניט קומען. איך האָב זיך אײַנגעשאַפּט אַ געניצטן ראָוער, געזאָגט אַ זײַ געזונט טאַטע־מאַמע און אַרויסגעפאָרן פון מײַן היימשטאָט ווילנע אויפן וועג קיין ארץ־ישראל. דאָס איז געווען אין יאָר 1938. כ׳בין אָנגעקומען קיין דאַנציג. דאַנציג איז געווען אַ פרײַ־שטאָט, בין איך געווען זיכער, אַז פון דאָרט וועל איך קאָנען פאָרן ווײַטער. אָבער ס׳איז ווײַט ניט געווען אַזוי. כ׳האָב געדאַרפט האָבן אַן אויסלענדישן פּאַספּאָרט. בין איך אַוועק צום פּוילישן קאָנסול. אַ נידעריקער, 18־יאָריקער, ייִדישער בחורל האָט דאָרט קיין אײַנדרוק ניט געמאַכט. האָבן זיך די באַאַמטע אויסגעלאַכט פון מיר און גערופן, אויף טשיקאַוועס, אָנקוקן דעם טוריסט. דער קאָנסול האָט געפרעגט צי איך האָב אויף רײַזע־הוצאות, האָב איך אים געענטפערט, אַז איך פאָר אויף אַ ראָוער. האָט ער אויך געלאַכט און געפרעגט וואַהין וויל איך אָנקומען. האָב איך געזאָגט קיין ארץ־ישראל. האָט ער נאָך געפרוווט זיך ווידער חכמען און געפרעגט:

— אַזאַ קליינער יונג ווי דו ביסט, ווי קאָנסטו גאָר אַריבערהויבן דעם פוס איבערן ראָווער?

האָב איך אים געענטפערט, אַז איך פאָר אויף אַ דאַמען־ראָווער, וואָס האָט אַן אָפענע רעם, דאַרף איך נישט אַריבערהויבן דעם פוס...

כנראה, אַז דעם קאָנסול איז געפעלן געוואָרן מײַן תשובה, ווײַל ער האָט מיר געהייסן איבערלאָזן מײַן פערזענלעכן דאָקומענט מיט עטלעכע פאָטאָגראַפיעס און געזאָגט כ׳זאָל קומען איבערמאָרגן. געקומען אין קאָנסולאַט ווי ער האָט מיר געהייסן, איז דאָרט געלעגן פאַר מיר אָנגעגרייט אַן אויסלענדישער פּאַספּאָרט און אַ צולאָג אַ לעגיטימאַציע פון פּוילישן טורינג־קלוב, וואָס דאָס האָט מיר געהאָלפן זייער צו באַקומען נאַכטלעגער און אַ מאָלצײַט אויף פרעמדע וועגן. אַזוי האָב איך

געדרייט די פּעדאַלן פון דאַנציג ביז דעם רומענישן פּאָרט קאָנסטאַנץ. פון דאָרט בין איך דורך בולגאַריע און טערקײַ דערפאָרן ביז אַ שטעטל אין לבנון מיטן נאָמען ביקפּאַיאַ. איך האָב אויפן וועג ניט געלעקט קיין האָניק. ווו אַ טאָג, ווו אַ נאַכט. גוט אונטערגעהונגערט. אין ביקפּאַיאַ האָב איך אָנגעטראָפן יידישע שמוגלאַרעס, טאַקע פון ארץ־ישראל. האָבן זיי מיר געהאָלפן אין אַ פינצטערע נאַכט אַריבערגיין די גרענעץ מיטן ראָווער אויף די אַקסלען. דאָ האָט ניט געהאָלפן דער אויסלענדישער פּאַספּאָרט. די ענגלענדער האָבן געפאָדערט אַ סערטיפיקאַט. אַזוי בין איך אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָב איך געלייענט אין אַ צייטונג, אַז דער אַמעריקאַנער פּרעזידענט קאַרטער האָט אַ ראַטגעבער, וואָס הייסט זביגניעוו בזשעזשינסקי, און אָט דעם ראַטגעבערס פֿאָטער איז געווען דער פּוילישער קאָנסול אין דאַנציג. איך האָב אָנגעשריבן אַ בריוו, אין פּויליש, צו דעם זון און באַקומען אַן ענטפער, אַז זײַן פֿאָטער האָט געהאָלפן נאָך יידן, און אויב איך וועל זײַן אַמאָל אין אַמעריקע, זאָל איך אים אָנקלינגען. ער וויל זיך שטאַרק זען מיט מיר. איך זאָל אים דערציילן אַלץ פונדאָסנײַ; אָבער, ווו בין איך און ווו איז אַמעריקע?...

אַקעגן וואָס האָב איך זיך דאָס אַלץ דערמאָנט, זיצנדיק מיט הײַנין אין רעסטאָראַן "די אויסשפּירער" איבער אַ וואָכעדיקן טשאָלנט? אפשר אַקעגן דער אַנדערער צײַט. מײַן עלטערער זון האָט געוואָלט זײַן אַ טאַנקיסט און מען האָט אים אָנגעשלאָסן אָן דער גרענעץ־וואַך. האָב איך געשריבן אַ בריוו צו אַ געוועזענעם פּלמ"חניק, וואָס איז אַרויף זייער הויך אין דער אַרמיי, אָבער ס'זענען געווען צײַטן ווען מען איז געווען גאָר נאָענט. כ'האָב אים געפרעגט אין בריוו צי קאָן ער העלפן, און אפשר דערפאַר וואָס איך האָב געוואַגט אָנצוהויבן מײַנע פּאָר שורות אין בריוו מיטן קעפּל "אברשה היקר", האָב איך ניט באַקומען קיין ענטפער. דער

בזשעזשינסקי האָט דאָך אויך ניט גענומען אומזיסט קיין געהאַלט. ער האָט דאָך אויך געהאַט, מן הסתם, וואָס צו טאָן. פונדעסטוועגן האָט ער געענטפערט גאָר פרײַנדלעך.

★

— ווען מײַן ווײַב ווייס אַז איך עס טשאָלנט. מילא, אַ גלעזל קאָניאַק איז גוט פאַרן האַרץ, אָבער טשאָלנט...

כ׳האָב באַרואיקט דעם יעקע:

— ניט שרעקלעך. איין מאָל אין אַ יובל...

— אָבער מען דאַרף זיך היטן. כ׳האָב שוין געהאַט צו טאָן מיטן האַרץ.

הייני האָט אָפּגעזיפצט:

— לייזער, מען איז שוין אַלטע לײַט. ס׳עט גאָרניט העלפן.

— מען דאַרף ניט טראַכטן וועגן דעם.

— אָבער עס טראַכט זיך. אוי, איז גוט צו זײַן יונג. גיב אַ קוק אויף די זעלנער בײַם דערבײַאיקן טישל, ווי זיי קײַען אויף ביידע באַקן און הירזשען, האָבן הנאה פון יעדן ביסן.

הײַני האָט געסילעוועט עטלעכע לעצטע בעבלעך אויפן גאָפּל, און פּלוצים זיך אָפּגערופן:

— לייזער, דו טראַכסט אַמאָל וועגן אונדזער איינהײַט?

— איך טראַכט... וואָס איז דערפון?

הײַני האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— טאַקע, וואָס איז דערפון? כמעט אַלע זענען דאָך אומגעקומען... געדענקסט לעאָן דעם הויכן? סעדיה, דער תימנער מיטן שיטערן בערדל און וואָלאָדקע...

— איך געדענק, איך געדענק זיי זייער גוט...

הײַני האָט מיך אָנגעקוקט, דערנאָך זײַטיק אַ פרעג געטאָן, ווי אומגערן:

— און עטקען, עטקען גערענקסטו?

הײַני האָט געפּרעגט וועגן עטקען. ער האָט דאָך איר געבראַכט צו מיר. ער, הײַני, איז דאָך געשטאַנען נעבן מיר, ווען זי איז אויסגעגאַנגען אויפֿן וועג צום באַלאַגערטן ירושלים, נעבן קאַסטעל. ער איז דאָך געווען דערבײַ, ווען זי האָט מיר אָפּגעגעבן איר רינג מיט דעם סאַפּיר־שטיין...

אין יאַנואַר 1948 זענען אַרויסגעפֿאָרן אויף אַן אָפֿענעם דזשיפּ זיבן יידישע הילפּס־פּאָליציאַנטן אויפֿן וועג צום דאָרף יאַזור, הינטער תל־אביב, כדי צו פֿאַרזיכערן די טראַנספּאָרטן, וועלכע האָבן געפֿירט פּראָדוקטן צו דעם אַרומגערינגלטן ירושלים. אַן אַראַבישע באַנדע איז באַפֿאַלן דעם דזשיפּ און אומגעבראַכט ביז איינעם. האָט מען זיך אָנגעהויבן קליגן ווי צו ברענגען דאָס נייטיקסטע קיין ירושלים. די ענגלענדער האָבן נאָך אַלץ געבאַלעבאַטעוועט אין לאַנד. זיי פֿלעגן קאָנטראָלירן די יידישע שאָפֿערן צי זיי האָבן געווער. האָט מען צו יעדן שאָפֿער צוגעזעצט אַ מיידל, כלומר אַ סאַניטאַרקע, יענע זאָל באַהאַלטן דעם בראַונינג אָדער דעם פּאַראַבעלום אויף איר גוף. די ענגלישע סאָלדאַטן האָבן זיך נוהג געווען צו זוכן געווער בלויז בײַ די מענער.

האָט מען מיר, דעם שאָפֿער, געבראַכט ווי אַ באַגלייטערין עטקען. זי איז שוין געווען אין לאַנד פֿון יאָר 1947. אַ געוועזענע פּאַרטיזאַנקע. גלײַך נאָך דער באַפֿרײַאונג האָט זי זיך פֿאַרחברט מיט אַ גרופּע יוגאָסלאַווישע קריגס־געפֿאַנגענע, וועלכע האָבן זיך מכין געווען צו פֿאָרן אַהיים. זיי האָבן געאַרבעט אין ווילנע בײַ די דײַטשן אויפֿן פֿלי־פֿעלד. האָבן איר די בחורים מיטגענומען און מיט פֿאַפּירן, אָן פֿאַפּירן, דערפֿירט ביז זאַגרעב. פֿון דאָרט האָט זי זיך דערשלעפּט קיין טריעסט, אין איטאַליע. דאָרט האָבן איר געטראָפֿן געוועזענע זעלנער פֿון דער יידישער בריגאַדע, האָבן זיי איר אָטפּראַוועט קיין ארץ־ישראל.

דאָס אַלץ האָט מיר עטקע דערציילט שפּעטער, ווען מיר זענען שוין געווען נאָך אַ פינפטן צי אַ זעקסטן רייס קיין ירושלים און צוריק. ווי קומט עטקע אין פּלמ״ח?

זי האָט געוווינט אין בית החלוצות אויף דער מלך דזשאָרדזש־גאַס אין תל־אביב. איר חברטע צום צימער האָט איר אַרײַנגעצויגן. זי האָט עטקען געבראַכט אין דער קאַפּעטעריע אויף הרצל־גאַס, וווּ ס׳פלעגן אַרײַנקומען טרינקען אַ טיי אונדזערע מפקדים. אַפילו יגאל אלון פלעגט דאָרט אַרײַנקומען. אויך יצחק טאַבענקין. דערהערט, אַז זי איז געווען אין וואַלד, האָט מען איר געפרעגט וועמען קאָן זי פון דאָרט, האָט זי געזאָגט: אבא קאָוונער, אַ געוועזענער פּאַרטיזאַן. אויך אַ קעמפער אין ווילנער געטאָ. קאָמאַנדיר אבא איז שוין אין יענער צײַט געווען אָנגעשלאָסן אָן דער פּלמ״חישער בריגאַדע גבעתי, און געשריבן זײַנע קאַמף־בלעטער, וועלכע זענען געווען אַ שם־דבר אין אלע איינהײַטן. מען האָט זײַנע קאַמף־בלעטער אַפילו פאַרגליכן צו איליאַ ערנבורגס אַרטיקלען, וואָס די רויט־אַרמייער אויפן פראָנט פלעגן זיי היטן צוזאַמען מיט די בריוו פון אַ ווײַב אָדער אַ כלה. האָט מען זיך פאַרבונדן מיט קאָוונערן. האָט יענער גלײַך געפרעגט צי טראָגט זי אַ רינג מיט אַ בלווילעבן סאַפּיר־שטיין אויף דער רעכטער האַנט. מיט דעם רינג, האָט ער געזאָגט, איז זי אַדורך אַלע פײַערן און אַלע אָבלאַוועס אין די וועלדער, און זי וועט זיך מיט אים ניט צעשיידן, אַפילו מען זאָל שנײַדן שטיקער פון איר. דאָס רינגל איז געווען איר מאַמעס. פונדעסטוועגן, האָט אבא געזאָגט, דאַרף מען זיך ניט אײַלן מיט אָנשליסן איר צו אַן איינהײַט. ער מוז איר פריער אַליין זען. אין די זאַכן קאָן מען זיך ניט פאַרלאָזן בלויז אויף אַ רינגל. נאָר טאָמער איז זי די ריכטיקע עטקע, דאַרף מען צוויי מאָל ניט איבערטראַכטן. זי איז אַ געבוירענע פּלמ״חניצע.

קאָוונער האָט איר געזען און עטקע איז געקומען צו מיר.

סחורה פֿאַר די טראַנספּאָרטן פֿלעגט מען אָנלאָדן נעבן דער צענטראַלער אויטאָבוסן־סטאַציע אין תּל־אָביב.

שטיי איך אַזוי נעבן דער קאַבינע פֿונעם אויטאָ, גייט צו צו מיר הײַני מיט אַן איבערגעוואַקסענער מיידל, ניט קיין גרויסע שײנהײט. מיט דיקלעכע, נעגערשע ליפּן און אַ נאָז מיט אַ ברעקעלע הויקער. בלויז די אויגן, די קאַרע, האָבן איר אָנגעגעבן אַ טראָפּן חן.

הײַני האָט געגעבן אַ בורטשע:

— זי וועט דיך באַגלייטן. גיב איר צו באַהאַלטן דאָס געווער... און אַוועק צו זײַנע געשעפֿטן.

געבליבן ביידע אַליין, רופֿט זיך אָפּ דאָס מיידל:

— מײַן נאָמען איז עטקע. עטקע גריליכעס. מען האָט מיר געזאָגט, אַז איר זײַט אַ ווילנער. איך בין שמעון דעם איזוואָשטשיקס אַ טאָכטער. מײַן טאַטע איז געשטאַנען מיט זײַן דראָזשקע קעגנאיבער דעם האָלץ־מאַרק, אויף זאַוואַלנע גאַס. אפשר געדענקט איר?

פֿאַרגעשטעלט האָט זי זיך מיט אַזאַ ווירדע, ווי זי וואָלט געווען דעם ווילנער באַנקיר בונימאָוויטשעס אַ טאָכטער, ניט ווייניקער.

★

די זכרונות וועגן אונדזער היימשטאָט האָבן אונדז זייער פֿאַרבונדן. ניט אַזוי די זכרונות, ווי דאָס לשון. עטקע האָט טאַקע געקאָנט אַ סך זאַכן בעסער ווי די אַנדערע מיידלעך, נאָר מיט עברית איז איר געווען זייער שווער און איר ייִדיש האָט פֿאַרמאָגט אַזאַ געווירץ, וואָס בלויז ווילנע האָט אים באַנוצט. עטקעס אַ ווערטל, אַ זאָגעכץ, האָט מיר גלײַך פֿאַרטראָגן צו די היימישע פּליינען, ווו מען האָט זיך געיאָגט נאָך דעם יוגנטלעכן חלום.

אָט, למשל, שטייען מיר ביידע בײַם אָנגעלאָדענעם אויטאָ,

וואַרטן אויף אַ באַפעל זיך צו לאָזן אין וועג. הײַנט גייט פאַרבײַ מיט זייער אַ וויכטיקער מינע. גיט ניט אַפילו קיין שמייכל צו אונדז. עטקע וואַרפט אים נאָך:

— פּאָצקע ניקאָלײַ, מאַכט זיך גרויס...

כ׳האָב מיך געהאַט צוגעוווינט צו איר. קיין וואַזשנער קאַוואַליער בין איך קיינמאָל ניט געווען. מײַן נידעריקער וווקס האָט געדריקט אויף מיר. כ׳בין ניט געלאָפן אין די אָוונטן צום ברעג ים טאַנצן הוויראַס אָדער זינגען לידער בײַם שײַטער. אויך אין פּלמ״ח האָבן די מיידלעך געקוקט אויף מיר, ווי אויף אַ פליג. קיין מפקד בין איך ניט געווען. כ׳האָב געטאָן וואָס מען האָט מיר געהייסן. איז עטקע געוואָרן פאַר מיר אַ גאַנצער אַדרעס. אָט פיר איך איר אָפּ אין בית החלוצות און איך שטיי מיט איר בײַ דער טיר אַן איבעריקע פערטל שעה. איך וויל איר זאָגן אַ באַזונדער וואָרט. ניט וועגן אַ הייסער ליבע, נײַערט אַ וואָרט, וואָס זאָל דערוואַרעמען אונדזער ביידנס עלנט. דאָס האָט דאָך זי, מיט איר רעדן וועגן אונדזער היימשטאָט, דערמאָנט, אַז אויסער פּלמ״חניקעס זענען מיר דאָך קינדער פון חרוב־געוואָרענע הײַזער, פאַריתומט פון אַלעם.

איך האָב קיין באַזונדערן וואָרט ניט געפונען. בנראה, אַז ס׳איז ניט אַזוי פשוט. איינמאָל האָב איך זיך געמאַכט קוראַזש און איר אַ פרעג געטאָן:

— עטקע, פאַרוואָס זוכסטו ניט... נו... איך מיין אַ חבר, אַ חתן...

מיר זענען דאַן געשטאַנען מיט דער מאַשין אין באַב על וואַד, אויפן וועג קיין ירושלים. ס׳איז געקומען אַ באַפעל צו וואַרטן. מען האָט חושד געווען, אַז אַראַבישע באַנדעס פון די אַרומיקע דערפער לויערן ווידער אויף יודישע אויטאָס. עטקע האָט אויסגעהערט מײַן פראַגע און גאָרניט געענפערט. דערנאָך איז זי אַראָפּ פון שאָסיי אין דערבײַאיקן פעלד און געבראַכט פון דאָרט

אַ מאָן־בלום, רויט און צעעפנט פאַר דעם ארץ־ישראלדיקן, זוניקן אַפּריל־טאָג. אויף אַ רגע זענען פאַרגעסן געוואָרן די אַראַבישע אָנפאַלן, און אַז עטקע שלעפּט אונטערן קליידל אַ שווערן פאַראַבעלום, צוגעבונדן צו איר לינקן אויבער־שענקל.

זי האָט גענומען דעם מאָן־בלום און צוגעדריקט אירע דיקלעכע נעגער־ליפּן צום שטאָלענעם באָרט פונעם לאַסט־אויטאָ, ווי צו געבן אים אַ קוש, דערנאָך האָט זי זיך אָפּגערופן צו מיר:

— אָט די מאַשין איז איצט מײַן חתן. און ווײַטער?...

אירע קאַרע אויגן האָבן דערבײַ געשמייכלט. קינדיש געשמייכלט.

אויף מאָרגן, נאָך דעם רייס קיין ירושלים, האָב איך עטקען געבראַכט מײַן ראָוועך, אויף וועלכן כ׳בין געקומען קיין ארץ־ישראל. עטקע האָט געקוקט אויף מיר, ווי איך שטיי בײַ דער טיר פון בית החלוצות מיט ביידע הענט אָנגעשפּאַרט אויפן רודער, און ווייס ניט וואָס ווײַטער. ביז איך האָב אָפּגעהוסט און געזאָגט:

— נאַ, פאָר אויף אים...

און אַוועק.

דאָס איז געווען דעם צווייטן אַפּריל 1948, איין טאָג איידער מיר האָבן דעראָבערט דעם קאַסטעל. איך געדענק עס גענוי. אינדערפרי זענען מיר אַרויסגעפאָרן פון תל־אביב. באַגלייט האָט אונדז הײַני מיט נאָך אַ צען זעלנער. אַלע האָבן זיי זיך אויסגעזעצט אין די האַלב־אָפענע טאַנקעטקע, מיט אַ מאַשין־ביקס אין דער מיט. הינטער זיי זענען געפאָרן נאָך אַ פּאָר לאַסט־מאַשינען מיט סחורה. די רואיקייט אויפן שאָסיי איז געווען זייער פאַרדעכטיק. געוויינלעך פלעגן די אַראַבער שיסן פון מאָל צו מאָל סתם אין דער וועלט אַרײַן, כדי צו באַווײַזן, אַז זיי זענען קעמפער. און דאָ פאָרן מיר ווי ס׳וואָלט גאָר קיין מלחמה ניט געווען. ווי די אַראַבער וואָלטן משלים זײַן מיט דעם באַשלוס, אַז

יידן קומט אַ מדינה.

אַזוי האָט זיך געצויגן דער וועג פֿון אַבו־גוש ביזן קאַסטעל. דער אויטאָ איז געווען זייער איבערגעלאָדן. מען האָט אָנגעלייגט אויף אים גאַנץ תּל־אָביב מעל, אַרבעס, בלעכן מיט מילך־פּראָשעק און צענדליקער קאַסטנס לײַכטע אַמוניציע אונטער דעם אַלעם. די מאַשין האָט געפּירכעט און געשלעפּט באַרג אַרויף די משא מיט אַן אייזלשער עקשנות. בײַם קאַסטעל האָב איך געמוזט בלײַבן שטיין און לאָזן אַ ביסל אָפּקילן דעם מאָטאָר. עטקע האָט מיר אָפּגעגעבן מײַן פּאַראַבעלום און אַרויס פֿון דער קאַבינע אויסגלײַכן די גלידער. גוט אויסגעקוקט דערבײַ די איילבירט־פּלאַנטאַציעס, די סאָסנעביימער אויף די באַרג־שיפּועס פֿון ביידע זײַטן שאָסיי, די צעוואָרפֿענע סקאַלעס, האַלבפּאַרזונקענע אינעם מאָך, האָט זי זיך אומגעקערט אין דער קאַבינע אַ צופֿרידענע:

— די סאָסנע־ביימער... פּונקט ווי בײַ נאַראָטש...

מיר האָבן זיך מכין געווען ווײַטער אין וועג אַרײַן, אַראָפּנידערן פֿון קאַסטעל אין דער ריכטונג פֿון מוצא, איז אויסגעבראָכן אַ שיסערײַ. אַ ווילדע שיסערײַ פֿון ביידע זײַטן שאָסיי. מײַן לאַסט־מאַשין איז געווען דער ערשטער קרבן. אַ שראַפּנעל האָט אַרײַנגעהאַקט אין די לאָדונגען. שוין איז דער גאַנצער אויטאָ געשטאַנען אין פֿלאַמען. איך און עטקע זענען אַרויסגעשפּרונגען פֿון דער קאַבינע און זיך געלאָזט לויפֿן צוריק, צו די טאַנקעטקע. אויך אויף זיי האָבן די אַראַבישע אָנפֿאַלער געהאָגלט מיט קוילן פֿון אַלע מינים געווער. ס'איז נאָר אַ וווּנדער ווי די זעלנער האָבן אונטער אַזאַ פֿײַער מצליח געווען אַרויסצושלעפּן דעם מאַשין־ביקס און אים אײַנמאָשטשען אויף זײַן דרײַפֿוס אין מיטן שאָסיי.

די אַראַבער האָבן געהאַט איבער אונדז די איבערהאַנט. זיי זענען געשטאַנען אויף די הייגלען פֿון ביידע זײַטן שאָסיי און

געזען יעדער אונדזער באַוועגונג. איז נאָך ווייניק, זענען זיי דאָרט געווען אין די הונדערטער. פֿעלאַכן פֿון דער גאַנצער געגנט, וואָס זענען געקומען ראַבעווען דעם טראַנספּאָרט.

אין איין מינוט איז דער זעלנער, וואָס האָט באַדינט דעם מאַשין־ביקס געלעגן אַ דערהרגעטער. די איבעריקע, מיט הײַנין בראש, האָבן זיך צעוואָרפֿן בײַם ראַנד שאָסיי, געזוכט אַ ווינקל פֿונוואַנען זיך צו קאָנען אָפּשיסן פֿון די אָנפֿאַלערס. מײַן פֿאַראַבעלום איז פֿון אײַלעניש געבליבן אין קאַבינע, האָב איך געכאַפּט אַ שמײַסער, אַ טראָפֿיינעם דײַטשן אויטאָמאַט, וואָס אַ פֿאַרוווּנדעטער זעלנער האָט געהאַט אַרויסגעלאָזט פֿון האַנט, און געפֿויזעט הינטער הײַנין. ווען עטקען האָב איך אין גאַנצן פֿאַרגעסן. כ׳בין געווען זיכער, אַז זי האָט געפֿונען אַ שפּאַלט צווישן די סקאַלעס פֿאַזע דעם שאָסיי, וואָס זאָל איר שיצן פֿון די קוילן. כ׳האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ. זע איך גאָר ווי נעבן דער הויכער, שטיל־געוואָרענער מאַשין־ביקס לויפֿט אַ זעלנער און ברעכט זיך אײַן אין מיטן וועג. יענער האָט נאָך רעכט ניט באַוויזן אַראָפּצוזינקען צום אַספֿאַלט, יאָגט זיך שוין עטקע איבער די זעלבע פֿאַר מעטער פֿון שאָסיי, פֿאַלט צו צו דעם געווער און הויבט אָן געבן סעריע נאָך סעריע אויף די אָנפֿאַלער; וועלכע האָבן מיט צעשטשירעטע געשרייען אָנגעהויבן אַראָפּשטײַגן פֿון זייערע פּאָזיציעס, גלײַך אויף אונדז. פֿון צווישן די ביימער, העכער איבער דעם שאָסיי, האָט געשאָסן אַ קוילן־וואַרפֿער. זײַנע קוילן האָבן געפּיקט דעם אַספֿאַלט אַרום עטקען, ניט איבערגעלאָזט קיין ברעקל האָפֿנונג, אַז זי וועט זיך נאָך אויפֿהייבן פֿון דאָרט און אַנטרינען ווערן. זי האָט ניט געהאַט איבער זיך קײַן דעקונג, אויסער דעם קלאָרן הימל, ווו אַ פֿעדער־וואָלקנדל איז געלאָסן געשוווּמען, ווי אַ זײַטיקער עדות פֿון אָט דעם בלוטיקן פֿאַרמעסט. ווען עס זענען געקומען צו פֿאָרן עטלעכע אָפּטיילן פּלמ״חניקעס פֿון דערבײַאיקן קיבוץ קרית ענבים אונדז צוהילף,

און מיר האָבן פאַרטריבן די אָנפאַלער, איז עטקע נאָך געלעגן בײַ דער מאַשין־ביקס. מיר האָבן איר דערנאָך אויף אַ טראָג־בעטל געבראַכט צו די איבעריקע פאַרוווּנדעטע, וואָס מען האָט אויפגעזאַמלט און אויסגעלייגט אויף אַ פּאָליאַנקע בײַם וועג. דער סאַניטאַר פון קרית ענבים האָט זיך נאָר געוווּנדערט, ווי זי אָטעמט נאָך. די קוילן האָבן צעריסן איר גאַנצן אינגעווייד. ער האָט אַפילו דערלויבט איר צו געבן אַ טרונק וואַסער, ווייל ס'איז שוין אַלץ איינס...

עטקע האָט געוווּסט, אַז זי גייט אויס, מען האָט עס געזען אין איר מידן בליק. דער טויט האָט זיך געהאַט באַזעצט אין די שווערע שאָטנס אונטער אירע קאַרע אויגן, און געוואַרט אויף דער רגע ווען דאָס האַרץ וועט מיד ווערן צו קעמפן מיט אים. מיר זענען געשטאַנען אַרום איר. איך, הײַני, נאָך עטלעכע זעלנער פון אונדזער אָפּטייל, און געשוויגן.

פּלוצעם, ווי עפּעס אַ הײַטער פויגעלע פון ווײַטע, זוניקע לענדער, איז אַ דין, דינער שמייכעלע פאַרפלויגן אויף עטקעס דיקע נעגער־ליפּן. זי האָט מיר געמאַכט אַ צייכן איך זאָל זיך אײַנבויגן צו איר. עטקע האָט געשעפּטשעט:

— לייזער, צי אַראָפּ דעם רינג פון מײַן פינגער... ס'איז דײַנס... פאַר דעם ראָוער...

★

— הײַני, זאָלסט וויסן זײַן: זי האָט אונדז דאָן אָלעמען געראַטעוועט!

— מילא, ווען ניט די פּאָר פּלוגות פון קרית ענבים...

זײַנע רייד האָבן מיר אויפגעקאָכט. כ'האָב זיך צעשריגן:

— דער מפקד פון קרית ענבים אַליין האָט געזאָגט — ווען זי, עטקע, האַלט נישט אָפּ די אָנפאַלער, קומט די הילף צו שפּעט. פאַרשטייסט? צו שפּעט! און דו...

— וואָס איך?

— האָסט מיר ניט געלאָזט לויפן צו איר! אפשר וואָלט איך איר געראַטעוועט!...

הייני האָט אַ וואָרף געטאָן דעם גאָפּל. די וואָנסן האָבן אים אָנגעהויבן ציטערן, אַזוי פעסט האָט ער פאַרפרעסט די ציין. כ'האָב ווידער אין אים דערזען דעם פאַרביסענעם יעקע, דעם מפקר, וואָס האָט אַלץ גענומען אויף זיך, אַלע באַשלוסן.

— וואָלסט געהאַט דעמזעלבן סוף, וואָס לעאָן האָט געהאַט. איך האָב זיך נישט געקאָנט דערלויבן צו פאַרלירן זעלנער סתם!...

— עטקע איז נישט געוועזן סתם...

הײַני איז אויפגעשטאַנען פון טיש, צוגעגאַנגען צו מיר און אַרײַנגענומען מײַנע אַקסלען אין זײַנע דלאָניעס. די זעלנער אַרום האָבן אָנגעשטעלט אויף אונדז ערנסטע פּנימער, ניט געוואָלט שטערן מיט אַ מינדסטן שמייכל די צוויי עלטערע יידן, דער עיקר, דעם יידן, וואָס איז געזעסן בײַם טישל מיט אַן אַראָפּגעזונקענעם קאָפּ און געלאָזט פאַלן אַ טרער.

— שוין, לייזער... גענוג. נישט געדאַרפט דערמאָנען.

— נישט אמת, הײַני, מען דאַרף יאָ דערמאָנען, מען דאַרף ניט פאַרגעסן...

ביידע האָבן מיר געפילט, אַז די באַגעגעניש גייט צום סוף. עס איז נישט געווען מיט וואָס צו באַנײַען דעם שמועס. הײַני האָט נאָך געפרעגט:

— לייזער, וואָס האָסטו געטאָן מיט איר רינג? האָסט עס געשאָנקען דײַן ווײַב?

— ניין...

— אָבער האָסט אים?...

— יאָ...

הײַני האָט גערעדט ווי צו זיך אַליין:

— וועגן וואָס מען דערמאָנט זיך — וועגן אַ רינג. יינגלעך

זענען געפאַלן, קעמפער איינער־אין איינעם. ווער דערמאָנט זיי? ווער געדענקט זיי?

דאָ האָב איך גאָרנישט ווי מײַן טבע איז, זיך אָפּגעריסן מיט געליענע ווערטער, אויסגעלייענט ערגעץ, אפשר גאָר אין אבא קאָוונערס אַ קאַמף־בלאַט:

— אַלץ איינס! עטקעס רינג איז ניט צו פאַרגעסן! פון איר רינג קאָן מען אויסשמידן אַ גאַנצע קייט. אַ גאָלדענע קייט, וואָס זאָל זיך ציען פון די נאַראָטשער וועלדער ביז צום קאַסטעל!

דערנאָך האָט מיר זייער פאַרדראָסן מײַן אַרויסשפּרינגען מיט אַן אויסגענוצטער פראַזע אויף אַלע אזכרות. זי האָט זיך אינגאַנצן ניט געפּאַסט צום טשאָלנט אין רעסטאָראַן "די אויסשפּירער".

אַזוי האָבן מיר זיך געזעגנט און הײַנט האָט זיך ניט דערוווּסט וואָס איז געוואָרן מיט עטקעס רינג. ווי האָב איך אים געקאָנט דערציילן, אַז גלײַך ווי די מהומות האָבן זיך געשטילט, די מדינה האָט אָנגעהויבן גיין איר פרידלעכן וועג, האָב איך באַהאַלטן עטקעס רינג אין סקעלעט פון דעם פאַרברענטן לאַסט־אויטאָ. ער וואָלט דאָך מיר געהאַלטן פאַר משוגע. דעם גאַנצן שטאָלענעם איבערבלײַב האָט מען דאַן, נאָך דעם צוזאַמענשטויס מיט די אַראַבער, ווען עטקע איז געפאַלן, אַראָפּגעוואָרפן אין אַ גראָבן פאַזע וועג. ער ליגט דאָרט מיט נאָך אַנדערע שיירים פון דער מלחמה־שריפה, ווי אַן אָנדענק פון יענע טעג, פון יענע קאַמפן. ווער עס פאָרט קיין ירושלים זעט זיי ליגן פון ביידע זײַטן שאָסיי.

מיט דער צײַט האָט דאָס ווילד־גראָז באַהערשט דאָס גאַנצע געהויער. אין אַ שפּאַלט צווישן צוויי שטאָלענע פּלאַטן האָב איך פאַררוקט דעם רינג. אָט דער זכר פון אונדזער געפּאַנצערטן לאַסט־אויטאָ, וועמען זי האָט אַמאָל געגעבן אַ קוש און אים אויסגערופן ווי איר חתן. דאָרט איז דאָס פּאַסיקסטע צירונג־קעסטל פאַר איר רינג מיט דעם סאַפּיר־שטיין.

פון מאָל צו מאָל קום איך דאָרט צו פאָרן. גיב אַ קוק צי

עטקעס צירונג איז ניט גערירט, אָבער ווער וועט גיין זוכן אוצרות אין אַ באַרג צעשרפהטן אַמזן?

ליגט דאָרט, עטקעס רינג מיטן סאַפּיר־שטיין, ביזן היינטיקן טאָג.

# דער רוף
# צום קאַמף

# דער רוף
# צום קאַמף

רוּ זענען מיר?
— נעבן נתניה.
— פונוואַנען ווייסטו?
— כ׳האָב געהערט פון מדריך.
—וואָס נאָך האָט ער געזאָגט?
— גאָרניט. מער האָט ער ניט געוואָלט רעדן...

מאיר האָט זיך געדרייט אויפן אײַזערנעם בעטל. ער האָט ניט געקאָנט אײַנשלאָפן, כאָטש ער איז געווען שטאַרק מיד פון דער רײַזע אויף דער צעשאָקלטער שיף, וואָס האָט זיי געבראַכט קיין חיפה. ערשט נעכטן אין אָוונט זענען אַלע מאָביליזירטע געשטאַנען בײַם טויער פון פינף און זעכציקסטן אינטערנירונג־לאַגער אויף דעם אינדזל ציפערן מיט דעם קאַרגן געפּעק אין די הענט, און געוואַרט אויף די לאַסט־אויטאָס, וועלכע האָבן זיי געדאַרפט פירן קיין פאַמאַגוסטאַ, דער פּאָרט־שטאָט. מיט אַ פּאָר טעג פריִער איז אין לאַגער געווען אַ גרויסע שמחה. ס׳איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די יידישע מדינה. די הילבערס האָבן הייזעריק צעטראָגן איבערן לאַגער ארץ־ישראלדיקע לידער. עס האָט אויסגעפּעלט ווײַן אין דער קאַנטינע. געוועזענע זעלנער פון דער רויטער אַרמיי האָבן זאַלבע־צווייט, זאַלבע־דריט זיך געוואַקלט איבערן לאַגער און געפּרוּווט אָפּפרישן אין בגילופנדיקן זכרון די לידער, וועלכע האָבן זיי באַגלייט אויף אַלע פראָנטן. די נאַכט פון פערצנטן מײַ, 1948, איז ניט באַשטימט געווען פאַר שלאָף, נאָר פאַר ווערן נײַע האָפנונגען. ענדלעך ווערט מען פרײַ נאָך חדשים זיך דרייען אָן אַ ציל.

מאיר האָט געוואָלט נאָך עפּעס פרעגן שמוליקן, איז יענער

פלוצעם אַנטשלאָפֿן געוואָרן, ווי פֿאַרזונקען אין אַ טיפֿן וואַסער. אויף ציפּערן האָבן זיי ביידע אויך געלעבט אין איין געצעלט. דאָרט פֿלעגן אָנגיין שמועסן ביז טיף אין דער נאַכט. בנראה, אַז שמוליק איז אויך געווען טויט־מיד. בדרך־כּלל איז ער געשפּרונגען פֿון איין ענין צום אַנדערן, ניט געלאָזט קיינעם אַרײַנוואַרפֿן אַ וואָרט.

מאיר האָט ניט געקאָנט אײַנשלאָפֿן. ער האָט געטראַכט, ווי איז דאָס מעגלעך מען זאָל גלײַך פֿון דער שיף שיקן אויפֿן פֿראָנט בחורים, וואָס קאָנען קוים האַלטן אַ ביקס אין האַנט. פֿאַרלאָזן זיי זיך אויף דער לערע אין פֿינף און זעכציקסטן לאַגער?

אין חיפֿה'ר פּאָרט האָט אָפּגעוואַרט דעם טראַנספּאָרט אַ בחור אין אַ ווײַס העמד און קורצע כאַקי־הויזן, און באַפֿוילן אַרויפֿקריכן אויף די לאַסט־אויטאָס, וואָס דאַרפֿן זיי ברענגען צום מאָביליזאַציע־פּונקט.

מאיר האָט זיך דערמאָנט דעם געהיימען מיליטער־לאַגער אויף ציפּערן. דער סאַמע אויסטערלישער מיליטער־לאַגער אין דער וועלט. אַ מיליטער־לאַגער אין אַן אינטערנירונג־לאַגער. אויבן, אויפֿן וואַך־טורעם, שטייט אַן ענגלישער זעלנער, און היט דעם לאַגער. בײַ דעם אַרײַנגאַנג צו אַ גרעסערן געצעלט שטייט אויף דער וואַך אַ זעלנער פֿון דער צוקונפֿטיקער, יידישער אַרמיי. ער לאָזט ניט צו אַ זײַטיקן צום געצעלט, ווו מען לערנט זיך ווי צו באַגיין מיט אַ מאַשין־ביקס. דעם וואָפֿן האָבן אַרײַנגעשמוגלט אין לאַגער, יעדן טאָג אַן אַנדער טייל, די גריכן, וואָס פֿירן אַרויס דאָס מיסט. אויך זיי חלומען וועגן אַרויסטרײַבן די ענגלענדער פֿונעם אינדזל, דערפֿאַר זענען זיי שטאַרק איבערגענומען מיט דעם גאַנצן מעמד. זיי העלפֿן דעם מדריך פֿון דער הגנה, וועלכער פֿירט דעם קורס. פֿאַר דער מאַכט גייט ער אַן ווי אַ לערער פֿון עברית.

מאיר שמייכלט צום חושך ווען ער דערמאָנט זיך די

מיליטערישע לעקציעס. די רעקרוטן זיצן אַרום די ברעזענטענע ווענט פון דעם געצעלט. דער מדריך זיצט אין מיטן, אויף דער ערד. פאַר זײַנע פיס ליגט אַ פעקל, אײַנגעוויקלט אין לײַוונט, ווי אַ נײַ־געבוירן קינד. מיט גרויס ערפורכט וויקלט ער אויס פונעם לײַוונט אַן אווטאָמאַט, צוויי מאַגאַזינען און אַ האַנט־גראַנאַט, וואָס שרעקט אָפּ אין דער ערשטער רגע מיט זײַן פינצטערער עפענונג, אין וועלכן ס׳פּעלט דער דעטאָנאַטאָר. דער מדריך הויבט אויף דעם אווטאָמאַט מיט דער לופע צום ברעזענטענעם סופיט און קוועטשט אָן אויפן צינגל. די באַפּרײַטע פעדער גיט אַ יאָג דעם שלאָס און דער קלאַנג פון מעטאַל אויף מעטאַל רופט זיך אומהיימלעך אָפּ צווישן די ווענט פון געצעלט. ניט אויף אַלע קורסאַנטן מאַכט אָט דאָס שטיקל געווער דעמזעלבן רושם. געוועזענע זעלנער באַטראַכטן אים מיט מבינישע אויגן. די געוועזענע קאַצעטלער, אָבער, וועלכע האָבן געזען אַזוינס בלויז אין די רוצחישע הענט, גלעטן און טאַפּן דעם קאַלטן שטאָל און קאָנען זיך ניט אָפּוווּנדערן פון דעם טויט־כישוף, וואָס ליגט אין יעדן שרײַפל.

מאיר שמייכלט נאָך אַלץ אין דער שפּעטער נאַכט אַריין. דער מדריך לערנט די עברית־טערמינאָלאָגיע פונעם געווער. די צוקונפטיקע סאָלדאַטן אין דער ישראלדיקער אַרמיי מוזן פאַרגעדענקען, אַז דער רוסישער ״קוראָק״ מוז פאַרביטן ווערן אויף ״הדק״. ״סטוואָל״ דאַרף הייסן ״קנה״. דערנאָך גיט דער מדריך אַ האַלבע שעה אָפּרו. ער דערלויבט שמוליקן צו דערציילן אויף פּראָסט יידיש וועגן זײַנע דערפאַרונגען אין דער רויטער אַרמיי. דערבײַ האָט דער מדריך אויך הנאה. דער געוועזענער חלוץ פון פּוילן מיט דעם צעאַקערטן פּנים, ניט פאַר זײַן עלטער, פאַרשטייט יעדעס וואָרט.

לסוף האָט דער שלאָף גובר געווען. די ערשטע נאַכט אויף דער ישראלדיקער ערד האָט אים, מאירן, פעסט אַרומגענומען און

ניט צוגעלאָזט קיין מינדסטן חלום.

★

— מיר זענען אין בית־ליד, טאַקע נעבן נתניה.

מאיר האָט קוים געעפנט די אויגן. שמוליק איז געשטאַנען איבער אים, אָנגעטאָן, אַרומגעוואַשן. צעיאַכמערט, ווי געוויינלעך.

— כ׳בין שוין אויסגעוועזן אין גאַנצן לאַגער. אַפילו געפרעגט אפשר קאָן מען צוגיין קיין נתניה. ס׳איז ניט ווײַט; אָבער עפּעס אַ שישקע פון אַ יאָר אַכצן האָט גערעדט ווי אַ גאַנצער גענעראַל. די וואָס פאַרשטייען בעסער עברית האָבן מיר געזאָגט, אַז ער האָט פאַרבאָטן אַרויסגיין פון לאַגער. יעדע מינוט קאָן אָנקומען אַ פאַראָרדנונג צו פאָרן ווײַטער, צום פראָנט.

מאיר האָט אַ פאַרשלאָפענער געפרעגט:

— אויף וועלכן פראָנט?

— ווי זאָל איך וויסן, איך אַרבעט אין שטאַב?

— טאָ וואָס רעדסטו?

— אַלע רעדן. מען וועט דאָ אונדז ניט האַלטן קיין איבעריקע רגע. שטעל דיך פאָר... און איך האָב געמיינט מען וועט געבן כאָטש אַ וואָך פרײַ, זיך אַרומקוקן, זען אַ ביסל דאָס לאַנד, אַרײַנפאָרן אין תל־אביב...

מאיר האָט זיך אויפגערעגט, אים איבערגעריסן דאָס גערדיכטע גערייד:

— מען שיקט אויפן פראָנט... דער גאַנצער לאַגער איז בלויז אויסגעדינטע זעלנער?

— ווו זעלנער, ווער זעלנער? מיינסט אַזוי ווי מיר? מען האָט געבראַכט אַהער עולים, גלײַך פון די דײַטשע לאַגערס. פון הײַדנהיים, פון פעלדאַפינג. כ׳האָב מיט זיי גערעדט...

— דו ווייסט דאָך אַלץ בעסער, ווי געוויינלעך...

— איז גיי אַרויס אַליין, אדרבא. מיט אַ לייטענאַנט וועט מען אַנדערש רעדן. איך בין דאָך בלויז אַ סערזשאַנט...

— שוין, זיך באַליידיקט.

— יאָ באַליידיקט, ניט באַליידיקט. קאָנסט דאָך עברית. זיי הערן עמיצן רעדן עברית, ווערן זיי לעבעדיקע. יידיש איז פאַר זיי ניט קיין לשון...

שמוליק איז אַ ברוגזער אַרויס פון געצעלט. מאיר האָט זיך אָפּגעראַזירט, זיך אַרומגעוואַשן פון אַן עמער אין דרויסן. דערנאָך האָט ער אַרויסגעשלעפּט פון דער צעריבענער וואַליזקע זײַן מיליטערישע בלוזע מיט די אָפּגעטרענטע פּאָגאָנעס, און אַוועק זוכן דעם קאָמאַנדיר, אפשר וועט יענער אים זאָגן ווער ווי און וואָס.

מיט מאירן האָט מען טאַקע אַנדערש גערעדט. ער האָט זיך געבעטן בײַם וואַך־זעלנער צום קאָמאַנדיר. יענער האָט אָפּגעסאַלוטירט און אים גלײַך אַרײַנגעלאָזט אינעם בלעכענעם צריף, וואָס בײַם עק לאַגער. אַ באַראַק אַרומגעלייגט מיט אַ נידעריקן צוים פון אָפּגעקאַלכטע שטיינער.

דער קאָמאַנדיר, אַ יונגערמאַן אין מאיר'ס עלטער, מיט אַ פּאָר געבאָליעטע וואָנסן אויפן ענגלישן שטייגער, דין אויסגעראַזירט ביז די מויל־ווינקלען, האָט אויפגעהויבן אַ פּאָר בלויע, פרעגנדיקע אויגן צו דעם אַרײַנגעקומענעם. מאיר האָט בלויז באַוויזן אָפּצוראַפּאָרטירן זײַן פאַמיליע־נאָמען, איז דער קאָמאַנדיר אויפגעשפּרונגען פון הינטער זײַן שרײַבטיש, און מלא שמחה, ווי אַ קינד בײַ באַקומען אַ שפּיל־צײַג, אויסגעצויגן אַ האַנט צו מאירן, און געחזרט פאַר זיך:

— מאיר אָלייסקי, האַ... מאיר אָלייסקי...

— יאָ, דאָס בין איך.

— גוט, גוט וואָס דו ביסט געקומען. איך האָב אַלץ איינס געוואָלט שיקן נאָך דיר. דערבײַ האָט דער קאָמאַנדיר ניט פאַרגעסן זיך צו וווּנדערן:

— רעדסט עברית... שיין... יופי...

— פונדערהיים, כ'האָב געלערנט אין אַ תרבות־שול, אין ווילנע

— גוט... טוב... טוב מאוד... זיץ...

גאָרניט ווי אויף דעם מיליטערישן שטייגער, האָט מאיר דער ערשטער אָנגעהויבן רעדן:

— נו, אָט בין איך אַליין געקומען. צוערשט וועל איך זאָגן ווער איך בין, דערנאָך...

— מיר ווייסן... מיר ווייסן דײַן גאַנצע ביאָגראַפיע.

— וויאַזוי?

—פרעג ניט ווי אַזוי. מיר ווייסן...

דער קאָמאַנדיר האָט גענומען אַ פּאַפּיר פונעם שרײַב־טיש און אַרויסגעלייענט:

— געבוירן אין ווילנע אין יאָר 1920. געלערנט אין אַ מיליטער־שול. פון יאָר 1943 מאָביליזירט אין דער רויטער אַרמיי. דערגאַנגען ביז קעניגסבערג אין דעם ראַנג פון אַ לייטענאַנט. אַן אויסצייכענונג פאַר געוואַגטקײַט. קאָמאַנדיר פון אַ פוס־גייער באַטאַליאָן.

דער קאָמאַנדיר האָט שטיפעריש געזשמורעט מיט אַן אויג:

— דו זעסט? מיר ווייסן אַלץ, ביסט אַרויס צוזאַמען מיטן סערזשאַנט שמואל רעזינקאָוו פון ווילנע אין יאָר 1946. וועגן אים ווייסן מיר אויך. איר זענט אַוועק קיין דײַטשלאַנד, געוווינט אין לאַגער בערגען־בעלזען. אין יאָר 1947 זענט איר געפאָרן קיין ארץ־ישראל מיט דער אומלעגאַלער שיף "טעאָדאָר הערצל". נעבן חיפה האָבן אײַך פאַרהאַלטן די ענגלענדער, און אײַך אַוועקגעפירט אין די אינטערנירונג־ לאַגערן אויף ציפערן. יאָ, איר האָט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. די ענגלענדער האָבן אויף דער שיף אַוועקגעהרגעט דרײַ עולים. פון דאָרט, פון ציפערן, זענט איר געקומען אַהער, קיין בית־ליד. דאָס יאָר איז 1948, חודש מײַ... זעסט? מיר ווייסן אַלץ.

און דאָ האָט דער קאָמאַנדיר זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, אַזש זײַנע

אַלע ווײַסע ציין האָבן געשימערט אין האַלב־טונקעלן באַראַק. מאיר האָט זיך אויך פּאַנאַנדערגעלאַכט.

— אַפילו וועלכן יאָר און וועלכן חודש מיר האָבן איצט ווייסט איר. דאָס הייסט אַ געהיימדינסט...

דער קאָמאַנדיר האָט אָפּגעלייגט דאָס פּאַפּיר, גוט אָנגעקוקט מאירן און ממשיך געווען.

— איצט הער אויס מיט קאָפּ. מײַן נאָמען איז גדעון. פון דער הגנה. איך דאַרף אויפשטעלן אַ בריגאַדע פון די נײַ־געקומענע. איך ווייס, אַ סך פון זיי דאַרפן נאָך לערנען זײַן חיילים, אָבער אויך זיי מוזן מיר אַרײַנציען אין די רייען. יעדע רגע קאָן אָנקומען אַ באַפעל זיך צו רירן אין קאַמף. מיר וועלן גיין אויף לאַטרון.

מאיר האָט געהויבן די אַקסלען, צעשפּרייט הילפלאָזביידע הענט.

— איך ווייס, איך ווייס, אַז דו אָריענטירסט זיך ניט. דו קאָנסט ניט דאָס לאַנד. דו ווייסט ניט אַפילו ווו דו געפינסט זיך איצט; אָבער הער וואָס איך זאָג דיר — אַזוי איז דער מצב. יעדער וואָס קאָן גיין אויף די אייגענע פיס איז אַוועק צו די פראָנטן. דאָס גאַנצע לאַנד איז אַרומגערינגלט. מיר האָבן ניט קיין ברירה. מיר מוזן דעראָבערן די פּאָליציי־סטאַציע אין לאַטרון און אַזוי אַרום פרײַ מאַכן דעם וועג צו דער באַלאַגערטער ירושלים. דו וועסט נעמען אויף זיך אַ באַטאַליאָן פון געוועזענע רויט־אַרמייער און אַ ביסל פון די דײַטשישע לאַגערס, געוועזענע קאַצעטלערס. יענע רײַסן זיך צום געווער. דײַן ערשטע מעלה איז וואָס דו קאָנסט זיך מיט זיי אויפּרעדן אויף יידיש, אויף רוסיש. די צווייטע מעלה איז וואָס דו קאָנסט עברית און פאַרשטייסט די אינסטרוקציעס פון שטאַב. די דריטע מעלה איז וואָס דו האָסט בײַ זיי, בײַ די געוועזענע זעלנער, אַ נאָמען. דער מדריך פון ציפערן האָט מיר דערציילט.

מאיר האָט דערווידערט:

— איך קאָן אָבער ניט דעם שטח.

— וועסט זיך אָריענטירן אויף אַן אָרט.

— ס׳איז שווער אַזוי...

דער קאָמאַנדיר האָט זיך אַ הויב געטאָן פון שטול. זײַן גאַנצע העפלעכקײַט איז אין איין רגע פאַרשוווּנדן געוואָרן. ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פויסט אין שרײַב־טיש.

— מיר ווייסן אָן דיר, אַז ס׳איז שווער! כ׳האָב געקעמפט אין טאָברוק געגן ראָמעלס אַפריקאַנער קאָרפּוס. דאָרט איז אויך געווען ניט לײַכט! איז זאָג מיר ניט—ס׳איז שווער!

דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו מאירן, אים אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפן אַקסל.

— אַנטשולדיק מיר, כ׳בין שוין אויך אַ ביסל...

מאיר האָט אים באַרואיקט:

— איך פאַרשטיי. גלויב מיר, איך פאַרשטיי...

— גוט. מיר גייען באַלד אַרויס צום אַפּעל. דו וועסט שטיין נעבן מיר און איבערזעצן די אינסטרוקציעס. מיר דאַרפן נאָך אָרגאַניזירן אַ מחסן פאַר זייער געפּעק. זיי וועלן דאָך ניט מאַרשירן מיט זייערע קלומיקעס צום פראָנט. כ׳האָב געזען איינעם שפּאַצירן איבערן לאַגער מיט אַ שירעם און אַ האַרטן הוט אויפן קאָפּ.

ביידע אָפיצירן האָבן לאַנג געקײַכט פון געלעכטער, זיך געהאַלטן פאַר די הענט ווי צוויי אַלטע פרײַנד. נאָך אַ ווײַל און די הכנות צו שאַפן די זיבעטע בריגאַדע האָבן זיי דערנענטערט, ווי זיי וואָלטן יאָרן געקעמפט אין איין פאָרמאַציע.

★

— מאיר, דו מיינסט, אַז מיר וועלן קאָנען באַהויבן?

— איך ווייס ניט. איך ווייס נאָר, אַז ס׳איז פאַראַן אַ באַפעל אײַננעמען די פּאָליציי־סטאַציע.

— אָבער זע די שטיינער, די פעלדער אַרויף, אַראָפּ... בערג

אויף בערג...

די לאַטרונער פּאָליציי־סטאַציע האָט אויסגעזען פונדערווייַט ווי אַרויסגעוואַקסן פונעם שטייניקן באָדן. ניט ווייַט פון איר האָט איין איינציקער בוים צוגעגעבן אַ פּינטל לעבן דעם ליידיקן אַרום. די סטאַציע איז געווען אַרומגעצוימט מיט צוויי רייען שטעכלדראָט. העלע, שטומע ווענט האָבן געשלאָגן דאָס אויג מיט זייער האַרבן געבוי. אַ שפּאַרבער האָט געשוועבט אין בלויען הימל, עטלעכע מאָל געניִדערט מיט צעשפּרייטע פליגל צום טורעם פון דער סטאַציע, און ניט געוואַגט דאָרט צו לאַנדן. כנראה, אַז אויפן דאַך פונעם טורעם איז געלעגן פאַרטייַעט אַ זעלנער און אָבסערווירט יעדע באַוועגונג אין פעלד.

מאיר האָט ניט געהאַט קיין חשק צו אַ שמועס. גלייַך פאַרטאָג, ווען מען האָט אַלעמען געבראַכט אַהער, איז ער אַרויס כאַפּן אַ בליק אויפן שטח. דער עיקר האָט ער געוואָלט זען צי איז פאַראַן אַרטילעריע. ער האָט געדרייט דעם קאָפּ אין אַלע זייַטן, אָבער ניט געזען קיינע האַרמאַטן. אויך קעגן דער לאָקאַציע פון די קאָמפּאַניעס האָט ער געהאַט וואָס צו זאָגן. זיי זענען געווען צעלייגט צו ווייַט איינער פון דער אַנדערער. וויל מען אַזוי גיין אין אַטאַקע? אַזוי פלעגט מען זיך צעשפּרייטן בעת אַ פאַרטיידיקונג, און דאָ? האָבן זיי אַנדערע מעטאָדן צו גיין אין קאַמף? אויך האָט מען סטאַציאָנירט צו ווייַט פון ציל. אַנצוהויבן אַן אַטאַקע האָט מען געדאַרפט פאַרנעמען פּאָזיציעס נאָענטער צום תבואה־פעלד, וואָס אין מערב־זייַט; אָבער דאָס האָט מען געקאָנט טאָן בייַנאַכט. די לעגיאָנערן אין דער פּאָליציי־סטאַציע צוזאַמען מיט די אַראַבישע פרייַוויליקע פון די אַרומיקע דערפער הערשן איבערן גאַנצן פראָנט.

מאיר האָט עס אַלץ געוואָלט זאָגן גדעונען, וואָס האָט באַגלייט דעם טראַנספּאָרט, אָבער יענער האָט ניט געלאָזט רעדן. יונגע קצינים אין קורצע כאַקי־הויזן האָבן מיט ערנסטע פּנימער

אים אַרומגערינגלט פון אַלע זײַטן. פאַר זיי האָט ער יאָ געהאַט אַ וואָרט. זיי אינסטרואירט, אָנגעוויזן פאַרשיידענע פונקטן אויפֿן האָריזאָנט. די זעלנער זענען געזעסן אַנטשטומט אויף שטיקער ברוכשטיינער, מיט דעם געווער צווישן די קני‏ען, רעזיגנירט פון זובן אַ שאָטן אַנטרונען צו ווערן פון דער רוצחישער היץ, וואָס דער הימל האָט געשענקט בשפע.

שמוליק האָט געהאַלטן אין איין שטעלן פראַגן. וואָס וועט זײַן מיט די פּעקלעך, וואָס מען האָט איבערגעלאָזט אין בית־לידר? ער האָט דאָרט אַ נײַעם אָנצוג. אים געהיט פאַרן לאַנד... ווי וועט מען אַריבערשלעפּן אַהער די פּאָר פולעמיאָטן?...

דער חמסין האָט ניט נאָכגעלאָזט. פאַרקערט. פון שעה צו שעה האָט ער נאָך שטאַרקער געטלזעט, געקלעבט דאָס אָנטועכץ צו דער הויט, געגעבן צו פילן זײַן זויערן טעם אויפֿן אויסגעטריקנטן גומען. מאיר האָט זיך נאָר געוווּנדערט ווי שמוליק איז נאָך מסוגל צו רעדן געדיבעט, ווי זײַן שטייגער.

— שמוליק, דיר איז גאָרניט הייס?

— הייס? אַזוי ווי אויפֿן פאַל אין באָד.

—איז רעד ניט, שווײַג אַ ביסל.

— זאָל איך ניט רעדן? געבראַכט אונדז אין אַ ווילדערניש, מ׳עט דאָ פאַלן אונטער דער זון. ביסט דאָך געווען אין שטאַב, וואָס זאָגן זיי?

— די אַטאַקע האָט מען געפּלאַנט אויף בײַנאַכט. האָבן אַ פּאָר איינהײַטן פאַרשפּעטיקט, אויך די אַרטילעריע איז נאָך נישטאָ.

— אַ שיינע מעשה...

— די פּאַטרולן זענען צוריקגעקומען מיט גאָרנישט. זיי האָבן ניט קיינע ידיעות וועגן דער לאָקאַציע פון די אַראַבער. ביז זיי זענען געקומען נאָענטער צום דאָרף, צו לאַטרון, איז צוגעפאַלן די נאַכט. גדעון זאָגט, אַז ירושלים איז געבליבן אָן ברויט. מען מוז

זיך דורכשלאָגן פאַר יעדן פּרײַז.

— מאיר, וואָס מיינסטו, מירן מצליח זײַן?

— האָסט מיך שוין איינמאָל געפרעגט. איך ווייס ניט. איך ווייס בלויז אַז די היגע נאַטשאַלסטווע, די סאַבּרעס, זענען זייער זיכער; אָבער דאָס וואָס איך האָב געזען, דאָס הייסט, וואָס איך האָב ניט געזען...

— מאיר, רעד קלאָר, איך בעט דיר.

— כ'האָב ניט געזען קיין אַרטילעריע. געדענקסט בײַ אונדז פאַר אַן אַטאַקע? הונדערטער האַרמאַטן. הויביצעס אין יעדן ווינקל פלעגן ווייכער מאַכן די גאַנצע פראָנט־ליניע. אויסער דעם, האַלבע ראָטעס זענען ציוויל אָנגעטאָן, אָן באַקליאַזקעס אויף וואַסער, שלעפּן דעם ביקס ווי אַ קישקע ווורשט.

— האָסט עס דערציילט דעם קאָמאַנדיר, דעם גדעון?

— ער ווייס אַלץ אַליין. די יונגע צוציקעס זענען זייער זיכער. זיי זאָגן — יהיה טוב...

— און ער?

— ער ווייס, אַז ס'איז נאָך ווײַט צום געלעבטער, אָבער ער איז אַ ריכטיקער זעלנער — באַפעל איז באַפעל.

דאָס ערשטע מאָל האָט דער סערזשאַנט שמוליק ניט משלים געווען מיט דער תשובה פון אַ העכערן ראַנג.

— אָבער ווער האָט געגעבן אַזאַ באַפעל?

— דער אַרמיי־שעף אַליין, בן־גוריון.

שמוליק האָט פאַרקנייטשט דעם שטערן, זיך געוואָלט עפּעס דערמאָנען.

— וואַרט נאָר... בן־גוריון? דער וואָס האָט געהאַלטן פאַר אונדז אַמאָל אַ רעדע אין בערגען־בעלזען? אַ נידעריקער, מיט בינטלעך האָר פון בײדע זײַטן קאָפּ?

— דער זעלבער...

שמוליק האָט זיך פאַנאַנדערגעלאָזט:

— איז וואָס? ער איז מאַרשאַל זשוקאָוו, ראָקאָסאָווסקי?
מאיר האָט שטרענג אָנגעקוקט זײַן סערזשאַנט.
—ער איז בן־גוריון! דוד בן־גוריון!
שמוליק האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. מאירן האָט פאַרדראָסן, וואָס ער האָט אַזוי אָפּגעשניטן זײַן חבר, מיט וועמען ס׳האָט אים געבונדן יאָרן מיליטער־דינסט, עלנט און וואַנדערונגען.

— שמוליק, פאַרשטיי. יאָרן האָבן מיר אויסגעפּילט באַפעלן פון פרעמדע. מיר האָבן אויסגעהערט, אָפּגעסאַליוטירט און אַוועק אין פײַער. דערמאָן זיך בײַ אָריאָל, בײַ קורסק. מען האָט געטראָטן אויף געהרגעטע. און הינטער דאַנציג... אָט דער קליינוווקסיקער ייד מיט דער מאָדנער פריזור האָט אויסגערופן מדינת ישראל, וועלן מיר אויספירן זײַן באַפעל — גיין אויף לאַטרון!

★

אַ רויטע פײַער־קויל איז געפלויגן איבער דעם באַטאַליאָן. דער אויפרײַס האָט צעטרייסלט דעם אַרום. די האַרמאַטן־קויל האָט אויפגעריסן הינטער די מאַרשירנדיקע. זעלנער האָבן פאַרלאַנגזאַמט דעם טראָט. מיט אָנגעבויגענע קעפּ צום באָדן האָבן זיי געהיפּערט איבער די בערגלעך. די אַראַבישע האַרמאַטן האָבן געשפּיגן רעגלמעסיקן פײַער. די פּאָר יידישע מיטראַליעזן האָבן זיך שוואַך אָפּגערופן.

מאיר איז געגאַנגען פאָראויס מיט אַ טאָמיגאַן אין האַנט. פון מאָל צו מאָל האָט ער געגעבן סימנים זיך צוצואײַלן, מאַרשירן שנעלער. די זעלנער האָבן אויסגעדרייט די פיס שטײַגנדיק אויפן שיפּוע פון אַ באַרג־קייט, וואָס האָט זיך געצויגן העט־ווײַט, פּאַזע דעם שאָסיי.

נאָך אַ פּאָר שריט און זיי וואָלטן זיך געקאָנט אויסלייגן אויפן באַרג־ראַנד קעגנאיבער דער סטאַציע, האָט זיי באַגעגנט אַ

געדיכטער זאַלפּ פון מאַשין־געווער. די זעלנער זענען צוגעפּאַלן צו דער ערד, זיך געשאַרט צו יעדער גרעסערן שטיין פאַרשטעלן מיט אים דעם קאָפּ. מאיר האָט מיט אַ ווינקל אויג באַמערקט ווי שמוליק וויל זיך אויפהויבן, זיך אַרומקוקן. דער לייטענאַנט האָט אַ שיפּע געטאָן:

— ליג, זײַ ניט קיין העלד...

פּלוצעם איז אַנטשטומט געוואָרן די שיסערײַ. מאיר האָט געגעבן אַ צייכן מען זאָל אַראָפּנידערן אויפן אַנדערן זײַט שיפּוע, קעגנאיבער דער פּאָליציי־סטאַציע. פון דאָרט האָט אַ שטייניקער פעלד זיך געשפּרייט ביז די דראָט־פאַרצוימונגען. די זעלנער האָבן גענידערט אין געלאַף, געפאַלן און זיך געקײַקלט ביז דעם ברעג פעלד, ווו קליינע, האַרטע קוסטעס צופוסנס די בערג האָבן פאַרהאַלטן דעם אימפּעט.

איצט איז די פּאָליציי־סטאַציע געשטאַנען אין איר גאַנצער נאַקעטקײַט פאַר זייערע אויגן. מען האָט אַפילו געקאָנט זען די מאַשין־געווער לופעס אַרויסשטאַרטשען דורך די שיס־סליצעס אויפן טורעם. אַ בעטאָן־באַריער האָט האַלב פאַרשטעלט די פענצטער, ווו ס'זענען געווען אויסגעשטעלט מינען־וואַרפערס. די האַרמאַטן זענען, ווײַזט אויס, געווען לאָקירט הינטערן דאָרף.

ווידער זענען די זעלנער געלעגן אויף דער ערד מיד און פאַרסאָפּעט. דער שווייס האָט זיך געגאָסן פון די פּנימער. ס'איז געווען האַלבער טאָג. די זון האָט ניט נאָכגעלאָזט, געברענט ווי אַ טייל פון אָט דער מלחמה. קיין געוועזענער רויט־אַרמייער האָט ניט געוואַגט אויסטאָן זײַן סאָלדאַטן־בלוזע. עס האָט נאָך אין זיי געוו̇ירט די אַמאָליקע דיסציפּלין.

מאיר האָט זיך געוווּנדערט וואָס די לעגיאָנערן שיסן ניט. שפּאָרן זיי אַמוניציע?

ער האָט פאַראָרדנט דורך שמוליקן די זעלנער זאָלן אויסטרינקען דאָס גאַנצע וואַסער און איבערלאָזן די באַקליאַזקעס,

ס'זאָל זײַן לײַכטער צו לויפֿן. ער האָט געוווּסט, אַז יעדע רגע קאָן ער דערזען די ראַקעטע, וואָס דאַרף געבן אַ סימן אָנצוהויבן די אַטאַקע. מאיר האָט געזען פֿונדערווײַט נאָך ראָטעס סאָלדאַטן ווי זיי פֿאַרנעמען אין גלאַף פּאָזיציעס. די שיסערײַ פֿון דער פּאָליציי־סטאַציע האָט זיך באַנײַט, גערדיכטער און פֿאַרביסענער. מאיר האָט געטראַכט — האָט אים זײַן אַמאָליקער פּראָנט־מזל צוגעשפּילט, אַז ער איז דערווײַל אָפּגעקומען אָן קרבנות?

אינגאַנצן אומגעריכט האָט דאָס גרינע ליכט פֿון דער ראַקעטע אַרויפֿגעקלעטערט אויפֿן לויטערן הימל. מאיר האָט זיך דער ערשטער אַוועקגעלאָזט אין גלאַף. די זעלנער נאָך אים. ער האָט זיך אומגעקוקט אויף הינטן. דער באַטאַליאָן איז אָפּגעשטאַנען אַ שטיק מהלך. ער האָט געזען ווי שמוליק מאַכט סימנים מיט דער האַנט, רופֿט די זעלנער לויפֿן שנעלער. די קוילן האָבן געפּיקט די לופֿט ווי טויזנטער רויב־פֿויגלען. ס'האָט אויסגעזען ווי די גאַנצע שטומע, בעטאָן־וואַנט פֿון דער פּאָליציי־סטאַציע זאָל זײַן געבויט ניט פֿון ציגל, נאָר פֿון ביקסן־לופֿעס.

די זעלנער זענען געלאָפֿן צעווייקטע פֿון שווייס. די חמימה האָט אומברחמנותדיק געשלאָגן זייערע גופֿים. דאָ, דאָרט זענען געטראָפֿענע געלעגן אויף דער ערד. פֿאַר זיי איז דער קריג געווען געענדיקט. מאיר האָט פֿאַרשטאַנען — ברענגט ער ניט די זעלנער ביז די דראָט־פֿאַרצוימונגען, ווו מען קאָן זיך אויסלייגן און ענטפֿערן מיט אַ פּאָר זאַלפֿן, פֿאַרניכטן די לעגיאָנערן דעם גאַנצן באַטאַליאָן. ער מוז זיי אויפֿמונטערן. ער מוז זיי אַ טראָג געבן מיט זיך...

... און דאָ האָט זיך מאיר דערמאָנט דעם קאַמף־רוף, וואָס האָט געיאָגט אַן אַרמיי אין אַלע סכנות. אַ רוף מיט וועלכן ס'זענען געפֿאַלן מיליאָנען און אַ פֿאָלק האָט געזיגט. אָט דעם איינציקן פֿאַרשטענדלעכן רוף פֿאַר זײַנע זעלנער אויף דער אומבאַקאַנטער, ווײַט־נאָענטער ישראל־ערד, ווו זיי האָבן פֿאַרטראַכט צו בויען

זייער ציווילן לעבן.

— זאַ ראָדינו! זאַ...*

מאירן האָט פאַרכאַפּט דער אָטעם. ער האָט ניט געקאָנט ממשיך זײַן דעם קאַמף־רוף. האָט שמוליק זיך פונאַנדערגעשריען:

— הוראַ!!!

★

— פון די רויט־אַרמייער איז ווער געבליבן?

— אַ צענדליק פאַרוווּנדעטע. זיי האָבן מצליח געווען צו דערפּויזשען צו אַ סאַניטאַר־פּונקט.

— אפשר זענען פאַראַן דאָרט דער לייטענאַנט, דער סערזשאַנט?

— ניין. יענע זענען געפאַלן...

גדעון האָט פאַרביסן אַ ליפּ. דער אַדיוטאַנט, אַ באַברילטער בחור מיט אַן ענגלישן העלם, צו גרויס פאַר זײַן שמאָלן שאַרבן, האָט, ניט געבעטענערהייט, ממשיך געווען:

— מיר האָבן ניט געהאַט קיינע אויסזיכטן...

גדעון איז אויפגעשפּרונגען. דער צאָרן האָט צעקרימט זײַן פאַרברוינט פּנים:

— זיכער האָבן מיר ניט געהאַט קיין אויסזיכטן! אָבער ווען מיר זענען בעסער צוגעגרייט? ווען עס קומט מער פאַנצער?

דער אַדיוטאַנט האָט זיך ניט געלאָזט איבערצײַגן:

— אַלץ איינס. דער אַראַבישער כוח איז געווען צו שטאַרק. די פּאָליציי־סטאַציע האָבן פאַרטיידיקט דרײַ פּאָלקן ירדנישע לעגיאָנערן, אויסער שווערע אַרטילעריע, טאַנקן.

גדעון האָט אומגעדולדיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. דער אַדיוטאַנט איז אַוועק. גדעון איז געבליבן אַליין. ווידער איז ער געזעסן בײַם שרײַבטיש אין צריף, וואָס אין בית־ליד, ווּהין ער האָט זיך אומגעקערט נאָך דער דורכגעפאַלענער אַטאַקע אויף

---

* פאַרן פאָטערלאַנד (רוסיש)

דער לאַטרונער פּאָליציי־סטאַציע. ער האָט געדאַרפט אויפנעמען אַלע דאָקומענטן און זיי פירן קיין עין־שמר, ווו דער שטאַב האָט באַשלאָסן נאָך דער מפּלה אין לאַטרון אַריבערפירן די דיוויזיע אויף איבערגרופּירונג.

גדעון האָט אַרײַנגעקוקט אין מאירס, אין שמוליקס אַנקעטעס, אפשר איז פאַרשריבן אַן אַדרעס פון אַ קרוב, אַ פרײַנד. די רובריקעס זענען געווען ליידיק. דער וואַסער בלויז אויפן פּאַפּיר האָט געווייעט מיט קלאָרן אומעט.

גדעון איז אַרויס פון צריף. ער האָט געזען ווי מען שטעלט אויף געצעלטן. ניט פאַר מיליטער, נאָר פאַר נײַע עולים. אָט זענען געשפּרונגען צווישן די אָנגעצויגענע פּאַלאַטקע־שטריק קינדער, זיך געשפּילט אין באַהעלטעניש, אומגעוואָרפן אַ טשײַניק, וואָס איז געשטאַנען און זיך געקאָכט אויף צוויי ציגל.

גדעון האָט לאַנג ניט געקאָנט וואַרעמען דאָס האַרץ בײַ דעם אָנבליק פון די קינדער און די שטראָפּנדיקע מאַמעס. פון דעם לעבן וואָס גייט אויף. ער האָט געדאַרפט אַרײַנגיין צוריק אין צריף, וואַרטן דאָרט אויף נײַע באַפעלן, וואַרשײַנלעך וועגן דורכברעכן אַן אומוועג צו ירושלים, איבערלאָזן אין אַ זײַט די פּאָליציי־סטאַציע פון לאַטרון.

ווילנע, מײַן ווילנע

# ווילנע, מײַן ווילנע

איך וויל אײַך דערצײַלן וועגן אונדזער היימשטאָט ווילנע. איך וויל אײַך דערציילן פֿאַר וואָס אַ ווילנער איז אַזוי פֿאַרליבט אין דער שטאָט, ווו ער איז געבוירן געוואָרן, געלאָפֿן אַ באָרוועסער איבער דעם זאַמדיקן טײַך־ברעג און פֿאַרזוכט דעם ערשטן, יוגנטלעכן קוש, וואָס זײַן זיסקייט האָט געהאַט דעם טעם פֿון זוניקן האָניק.

דער טײַך ווילִיע האָט אַרומגענומען די שטאָט ווי אַ זילבערנער גאַרטל, און מיר האָבן געשפּיגלט אונדזערע יונגע פּנימער אין אירע וואַסערן. מיר האָבן געוואָלט דערקענען זיך אַליין, ווער זענען מיר און וווּאַהין דאַרפֿן מיר ווענדן אונדזערע חלומות. ווי אַזוי זאָלן מיר שטילן אונדזער בענקשאַפֿט. די בענקשאַפֿט נאָך וואָס? נאָך אַלץ, וואָס אַ יונג האַרץ האָט געקלאַפּט. די שטאָט האָט אונדז געגעבן אַלע מעגלעכקייטן צו חלומען ברייטע חלומות אין אירע שמאָלע געסלעך. נאָך גוט, וואָס ווילנע איז אַרומגערינגלט מיט וואַלד, האָבן מיר דאָרטן אינעם שאָטן פֿון די סאָסנע־ביימער געקאָנט קילן אונדזער צעהיצטע פֿאַנטאַזיע, וואָס האָט געמאָלן אַ בעסערע, אַ שענערע וועלט. אין יאָרן אַרום האָבן יידישע פּאַרטיזאַנער געזוכט אַ שוץ צווישן די דאָזיקע ביימער קעגן דער וועלט פֿון רוצחים, וועלכע האָבן אַפֿילו קיין קינדער ניט געשאַנעוועט.

ווילנע איז געווען זייער אַן אָרעמע שטאָט, אָבער מען איז אַרומגעגאַנגען איבער אירע גאַסן מיט אויפֿגעהויבענע קעפּ. מען האָט קוים פֿאַרדינט אויפֿן שטיקל ברויט, אָבער מען האָט געשפּאַנט איבער דער שטאָט מיט אָפֿענע פּנימער, ניט קיין דערשלאָגענע. אַ גוט־צוגעשניטענע מחשבה, אַ דערהויבן וואָרט, אַ באַלערנדיקער זאַץ, איז געווען וויכטיקער ווי אַ זאַטער מאָלצײַט.

לאָמיר דערמאָנען דעם שניפּישקער שנײַדער, בניאָמקע. מען האָט אים גערופן בניאָמקע דער פילאָזאָף. ער האָט צווישן איין שטאָך און דעם צווייטן געשאָטן מיט אמתן, וואָס האָבן געקאָנט גילטן פאַר אָרעם און רײַך.

לאָמיר דערציילן וועגן דעם לערער גערשטיין, וועלכער פלעגט פריידיקן אין קלאַס פאַר זײַנע תּלמידים:

— קינדער, פאַרלאַטעטע שיך זענען ניט קיין בושה, אויב זיי זענען גוט אָפּגעפּוצט. טראָגט די שיך מיט שטאָלץ! דאָס איז אײַער פאָרמע, ווי בײַם אָפיציר די עפּאָלעטן!

אָדער דער לערער אײַזיקאָוו פון דער שול "תורת אמת", וואָס האָט אויפגעזאַמלט אַלע גאַסן־קינדער, אַלע פאַרוואָרלאָזטע יתומים אָן אַ היים, און זיי אַוועקגעזעצט אויף דער שולבאַנק. דערנאָך איז איין תּלמיד געוואָרן אַ דראָזשקאַזש, דער צווייטער האָט געשלעפּט פּעק אויפן וואָקזאַל, און נאָך איינער, טעוועקע די לאַנגע האַנט, וועלכער האָט געמוזט אָפּזיצן אַ פּאָר יאָר אין תּפיסה, ווײַל ער האָט געזינדיקט מיט אַ פרעמדן זאַק סחורה, האָט געשריבן, טאַקע פון תּפיסה, אַ דאַנקבריוו צום לערער אײַזיקאָוו פאַר אויסלערנען אים שרײַבן. טעוועקע האָט איבערגעגעבן דעם לערער די פריידיקע ידיעה, אַז ער שרײַבט בריוו פאַר אַלע אַרעסטאַנטן און מען טראָגט אים עסן פון אַלע זײַטן, אים פעלט ניט קיין פויגלמילך...

ווײַל ווילנע, בלויז ווילנע, האָט פאַרמאָגט אַזעלכע לערערס. זיי האָבן דערצויגן קינדער, וואָס מען האָט געקענט זיי בלויז לויט זייערע צונעמענישן, ווי מאָטקע די קיבעלע, הירשקע דער טאָמבאַק, זאַמקע דער שפּיגעלע, מאיר די ציג, און נאָך און נאָך, פאַר וועמען די גאַס איז געווען זייער היים.

לאָמיר דערמאָנען די באָבעסניצעס, וואָס האָבן פאַרזאָרגט די שטאָט מיט הייסע צוקער־באָבעס. זיי האָבן געהאַט זייער אייגענעם אויסרוף:

— ייִדן! באָבעס פאַרן קיסר צו שטעלן!

שאַראַבאַן דער גראַף, דער חשובסטער בעטלער אין שטאָט, האָט אַלעמען געוואָרנט:

— ווייניקער ווי צען גראָשן נעם איך ניט!

סאָרעלע די קולעהיניקע, אויך אַ בעטלערקע מיט אַן אייגענעם ייִחוס, האָט גערופן:

— ייִדן, גיט אַ פּאָר גראָשן! גאָט זאָל אײַך געבן אַ לײַבטע קרענק און אַ גוטן דאָקטער...

...און דער בעטלער ראַספּוטין מיט זײַנע זיבן ווײַבער, די העלפּערקעס, ווען ער פלעגט אויסשטעלן אויף אַלע ראָגן, זענען געווען שלעכטע אַקטיאָרן?

די אַלע זענען ניט געווען קיין סתם בעטלער, הײַזער־גייער. דאָס זענען געווען מענטשן מיט פאַרב, מיט קאָליר.

לאָמיר דערמאָנען גדאַלקען, דעם משוגענעם חזן. ער פלעגט ווינטער אַרײַנזינגען זײַנע ניגונים אין אַ טשײַניק, כּדי זיי זאָלן זיך דאָרטן אויפהיטן אײַנגעפּראָרענע ביז פּסח, און פרילינג זאָלן זיי אַרויספליִען ווי די שוואַלבן צו דער צעבליטער וועלט.

פרענציק דער שוסטער האָט זיך פאַרנומען מאַכן שענער מיאוסע חיות. ער האָט בײַ זיך אין הייפל אויף קליין־סטעפּן־גאַס אויפגעבויט אַ זאָאָלאָגישן גאָרטן, ווו ער האָט געהאָדעוועט פאַרשיידענע פאַרזעענישן מיט קרײַטעכצער און גראָזן, כּדי צו ענדערן זייערע צורות צום גוטן. ביז אַלע חיות האָבן געמאַכט אַ שטרײַק און אַנטלאָפן אין וואַלד אַרײַן אָפּעסן אַ פליישיקן מיטאָג.

לאָמיר ניט פאַרגעסן באָברושקען דעם סטאָליער, וועמען מען האָט גערופן אין ווילנע דער סטראַדיוואַרי פון גלעזער־גאַס. יענער האָט זיך אַרײַנגענומען אַ מעלאַנקאָליע אין קאָפּ צו בויען פידלען ווי דער איטאַליענישער מײַסטער.

באָברושקע האָט געטענהט, אַז האָלץ איז פאַראַן אין ווילנע איבערגענוג. סטרונעס קויפט מען פאַרטיקע. אַ סמיטשיק נעמט

מען פון אַ פערדישן עק. פערד אין ווילנע פעלן אויך ניט, איז אָט האָט איר אַ פּאַרטיקע זאַך.

משה ענגלשטערן האָט זיך דערטראַכט צו אַ נײַער מעדיציניַשער טעאָריע ווי צו היילן אַ קאַטאַר. ער האָט אײַנגערעדט דעם שטאָט־משוגענעם איסערסאָן, אַז ער קאָן אים אויסהיילן פון זײַן פּאַרקילונג דורך אָפּטובלען אים אין דער ווילִיע בעת אַ ברענענדיקן פראָסט. ענגלשטערן האָט אויסגעהאַקט אַ לאָך אינעם אײַז און איסערסאָן איז דאָרט אַרײַנגעקראָכן. אַרויסגענומען דעם פּאַציענט האָט מען זייער אַ האַרטן. מען האָט איסערסאָנען געבראַכט אין יִידישן שפּיטאָל. האָט דאָקטער זאַרצין געזאָגט, אַז צו דעם חולה דאַרף ער האָבן אַ זעג, אַנדערש קאָן ער ניט צוקומען צו אים...

די אַלע שגעונות האָבן געקאָנט געבוירן ווערן בלויז אין ווילנע. די גאַנצע שטאָט איז דורכגעזאַפּט געווען מיט יוצא־דופנדיקע אידעען. דאָס זאָגט ניט, אָבער, אַז ווילנע איז געווען איין פּאַרביקער יריד פון קוריאָזן. אין ווילנע האָבן געלעבט פּערזענלעכקײַטן, וועלכע האָבן געלייגט אַ חותם אויפן גאַנצן יִידישן לעבן. ווערדיקע געשטאַלטן, וועלכע האָבן געגעבן אַ וועג די יִידישע מאַסן און וועמענס וואָגיק וואָרט האָט אַ סך באַטײַט אין דער שטאָט. לאָמיר דערמאָנען דעם ראַבינער רובינשטיין, דעם שטאָט־מגיד רבי חיים־עוזר גראָדזענסקי, די פּאָלקס־דאָקטוירים דאָקטער יעקב וויגאָדסקי און דאָקטער צמח שאַבאַד. דאָקטער וויגאָדסקי איז געווען אַ ראַטמאַן אין ווילנער שטאָטראַט און געקעמפט, מען זאָל די יִידישע הינער־פּאַרקויפערינס ניט אַראָפּטרײַבן פון האָלץ־מאַרק, וואָס אויף זאַוואַלנע גאַס. איז נאָך וויניק, האָט ער ווי אַן אַקושער־דאָקטער פון באַרוף אָפּגענומען אַלע קינדער בײַ די אָרעמע ווײַבער, אָן האָנאָראַר. אַנשטאָט זײַן לוין פלעגן זיי ברענגען אַ הינערשע דרייבע, אַ צענדליק אייער, אַ מאָל אַ פּאָר קעלבערנע פיסלעך

אויף פעטשאַ. דאָקטער וויגאָדסקי פלעגט אָפּדאַנקען מיט אַ שמייכל פאַר דעם גאָב און דערנאָך דאָס צוטיילן זײַנע פּאַציענטינס, זיי זאָלן האָבן וואָס אַרײַנצולייגן אין טעפּל.

איז וואָס איז דער וווּנדער, אַז ווען איך בין געלאָפן אַ באָרוועסער איבער גאַנץ ייִדישע גאַס און געיאָגט פאַר זיך אַ ראָד פון אַן אַלטער נײַ-מאַשין, האָב איך אײַנגעזאַפּט אין זיך דאָס ווילנער געווירץ, דעם פילפּאַרביקן, דעם באַזונדערן, מיט זײַן אייגן־מיניקן קלאַנג — דאָס לשון ייִדיש. ווײַל ייִדיש איז געווען ניט בלויז אונדזער מאַמע־לשון, נאָר אויך אונדזער נשמה־לשון. ייִדיש האָבן אין אונדז אײַנגעפלאַנצט די לערערס גערשטיין און משה קולבאַק און מאַקס עריק. דאָס וואַרעמע ייִדישע פידעלע, וואָס האָט געשפּילט מיט אַלע קאָליריקע קלאַנגען פון טרעגער־רייד און באַווירצלטע קללות, וואָס האָבן געלייגט אַ שמייכל אויף די ליפּן.

פּאָעטן און מוזיקער האָבן פאַרהערלעכט ווילנעס שיינקייט. יעדער פון זיי האָט אַרײַנגעקנאָטן אין די שאַפונגען שטיקער חן פון ווילנע. איז וואָס קאָן מען נאָך צוגעבן? שילדערן די שטאָט אין זון־אויפגאַנג און זון־פאַרגאַנג? איז בלויז געבליבן צו דערציילן וועגן ווילנע אין איר אונטערגאַנג. ווילנע, די ייִדישע פעסטונג, איז אײַנגעבראָכן געוואָרן.

פרעגט זיך טאַקע — וואָס וועלן אונדז געבן זכרונות וועגן אַ וועלט, וואָס האָט פאַרלוירן איר קיום? וועגן אַ מאַכט, וואָס האָט אומגעבראַכט אונדזערע נאָענסטע? אפילו די שיינקײַט פון ווילנע איז דאָך דורכגעווייקט מיט אונדזער בלוט!

די דערמאָנונג, אָבער, וועגן ווילנע דערוואַרעמט אונדזער געמיט. מיר קילן אין די זכרונות די אָפענע וווּנד, וואָס דער חורבן האָט איבערגעלאָזט אויף אייביק.

די צײַט האָט צעטראָטן אונדזערע פריידן. יעדער ווילנער טראָגט אין זיך זײַן אומעט. די דערמאָנונג איז געוואָרן אונדזער איינציקע טרייסט. מיר קאָנען אָנוואַרעמען דאָס געמיט בלויז מיט

זכרונות, וואָס דינען אונדז ווי דער איינציקער דענקמאָל פֿאַר דעם ווילנער פּייסאַזש, דער עיקר, פֿאַר דעם ייִדיש־געפֿערדטן פּייסאַזש.

צו דאָקטער וויגאָדסקי איז אַ מאָל געקומען אַ פֿרוי און געפּרוּווט אויסלייגן אַלע אירע צרות אויף אַ שלעכטן פּויליש. זי האָט געוואָלט זײַן אינטעליגענט. האָט איר דער דאָקטער געהייסן רעדן ייִדיש, ווײַל עס שטייט די סכּנה, אַז נאָך אים וועט זי דאַרפֿן גיין צו אַ צאָן־דאָקטער...

די פֿרוי האָט געפֿאָלגט דאָקטער וויגאָדסקין און איבערגעגאַנגען אויף מאַמע־לשון:

— דאָקטער, אַ געזונט אויף אײַער קאָפּ. מען זאָל אײַך ניט דאַרפֿן. איך לײַד, ניט פֿאַר אײַך גערעדט, אויף קאָפּווייטיק. אויסער דעם דרייט מיר אין בויך, עס זשומעט מיר אין די אויערן. עס ברעכן מיר די קני־ען, עס שווינדלט מיר פֿאַר די אויגן, עס שטעכט מיר אין די זײַטן, איך פֿאַל פֿון די פֿיס, עס טריקנט מיר די צונג, און איך אַליין פֿיל מיך אויך ניט אַזוי גוט...

האָט איר דאָקטער וויגאָדסקי דערמוטיקט:

— איר זעט, מײַן ליבע קראַנקע, ווי שיין מען קאָן קרענקען אויף ייִדיש? ס'איז דאָך אַ פֿאַרגעניגן צו הערן...

ווײַל דאָס רעדן ייִדיש איז אין ווילנע געווען אַזוי נאַטירלעך ווי טרינקען וואַסער. דאָס ייִדיש־לשון האָט געהאַט אויף די ווילנער גאַסן אַזאַ כּישוף, אַז אַפֿילו ניט־ייִדן האָבן זיך געהאַט אָנגעשטעקט מיט זײַן קלאַנג. די הויזוועכטער, למשל, האָבן זיך געקריגט מיט די ייִדישע שכנים אויף מאַמע־לשון.

מיר האָבן געלעבט אין ווילנע אַ פֿול־בלוטיק ייִדיש לעבן. אין דרוק פֿון אַלע זײַטן, אין דער אָרעמקייט, זענען מיר געווען שעפֿעריש און שפּרודלדיק מיט אויפֿטוען פֿאַר דעם ייִדישן הײַנט און המשך.

מיר האָבן ניט געוווּסט, אַז ס'וועט קומען אַ טאָג און מיר וועלן צעשלײַדערט ווערן איבער גאָר דער וועלט, יחידים פֿון

משפחות, פּאַריתומטע, און פון גאַנץ ווילנע וועט איבערבלײַבן בלויז די דערמאָנונג. ווען מיר זענען געשוווּמען איבער די וואַסערן פון דער ווילִיע. ווען אונדזערע חלומות האָבן זיך אָנגעשלאָגן אין יעדן בוים פון די ווילנער וועלדער, האָבן מיר ניט געוווּסט, אַז דאָס אַלץ וועט אַמאָל ניט דינען אונדזער פרייד, נאָר אונדזער טרויער.

וואָס איז געבליבן פון ווילנע? זכרונות. אָט די זכרונות בינדן אַלע ווילנער מיט אַן אומזעיִקן פאָדעם, וואָס איז שטאַרקער ווי די גרעבסטע קאַנאַטן. עס בינדט אונדז אַלע איין בענקשאַפט, וועלכע וועט קיין מאָל ניט פאַרלאָשן ווערן. די בענקשאַפט נאָך ווילנע, ווילנע אונדזער היימשטאָט.

# אינהאַלט


ווילנע אָן ווילנע 9
די גרויסע ליבע פון לערער גערשטיין 23
יידיש געלט 41
ייחוס פון דער ווילנער אונטערוועלט 53
טאַמאַרע די הויכע 67
זכרונות פון אַ פאַרשניטענער טעאַטער היים 83
חנה־מערקע פון די פיש 101
עטקעס רינג מיט דעם סאַפיר־שטיין 119
דער רוף צום קאַמף 139
ווילנע, מײַן ווילנע 157

## פון זעלבן מחבר:

**דער וועג קיין סדום**

— ישראל־דערציילונגען
פאַרלאַג י. ל. פרץ, 1959

**ביים ווילנער דורכהויף**

— דערציילונגען וועגן ירושלים דליטא
פאַרלאַג י. ל. פרץ, 1967

**אַ טאָג פון מלחמה**

— ישראל־דערציילונגען, פאַרלאַג י. ל. פרץ, 1973

**ברוניסלב הוברמן — קוים לדמותו**

— ביאָגראַפיע פון גרינדער פון ישראלדיקן פילהאַרמאָנישן אָרקעסטער,
פאַרלאַג הספריה המרכזית למוסיקה בישראל, 1973

**אויף ווילנער גאַסן**

— דערציילונגען וועגן ירושלים דליטא
פאַרלאַג "די גאָלדענע קייט", 1981

**צו פוס קיין ארץ־ישראל**

— ישראל־דערציילונגען פאַרלאַג י. ל. פרץ, 1985

**אויף ווילנער וועגן**

— דערציילונגען וועגן ירושלים דליטא
פאַרלאַג י. ל. פרץ 1987

**גראַף פּאָטאָצקי — דער גר־צדק פון ווילנע**

— זיין וועג צום יידנטום, פאַרלאַג ווילנער פנקס 1990

## אין דרוק:

**30 שנה בשרות המוסיקה**

— זכרונות מעבודתי בתזמורת הפילהרמונית הישראלית